גליון
# באור החיים
פרשת ויחי - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתס"ב

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
הרב ר' אלימלך נפתלי הירצקא סג"ל לאזי שליט"א
לע"נ אביו הרה"צ רבי מרדכי סג"ל בן רבינו הקדוש מרן משולם פייש זיעועכ"י
יארצייט ביום ד' שמות - ח"י טבת הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ח ר' יואל שווארץ הי"ו (קרית יואל)
לע"נ אמו האשה החשובה מרת יוטא בת ר' נחום ע"ה - י"ח טבת
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### יעקב אבינו למד תורה בארץ מצרים בשמחה רב

**ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה.**

שבע עשרה הוא כמנין טו"ב, הרומז על התורה, כמו שאמרו חז"ל (ע"ז יט:) אין טוב אלא תורה, ואמר הכתוב, "ויחי" יעקב בארץ מצרים, בארץ מצרים היה יעקב עוסק בתורה בבחינת "ויחי" בחיות רב ושמחה, כיון שאז זכה לראות כל יוצאי חלציו דבוקים אל התורה וזכה ללמוד תורה גם לבני יוסף, כמו שפרש"י הק', אפרים היה רגיל לפני יעקב כתלמיד.

ועסק התורה אשר בשבע עשרה שנה אלה, היתה באופן יותר נעלה מכל מה שלמד בכל שנותיו עד הנה, וכמו שאמרו בזוה"ק (ח"א רט"ז) על הפסוק ויחי יעקב, כי הקב"ה אמר לו הא לך שבע עשרה שנה בענוגין ותפנוקין וכסופין.

(עבו"ע פתג"ק ויגש)

### על ידי מדת האחדות יבוא הגאולה שלימה

**ויקרא יעקב אל בניו ויאמר האספו ואגידה לכם.**

איתא במדרש, (ב"ר צח:) האספו, רב אחא אמר הטהרו. ולכאורה קשה, היכן רמוז במלת האספו הטהרו.

ואגידה לכם, פרש"י הק', ביקש לגלות את הקץ ונסתלקה ממנו שכינה, והתחיל לומר דברים אחרים. והקשה בספרים, דאמאי רצה יעקב אבינו לגלות שהגלות ימשך עד אלף השישי הרי יכול להפסד בזה. ועוד קשה, הלא משיח צדקינו יכול לבוא בכל יום, היום אם בקולו תשמעו.

ופירשו בספרים הקדושים, ביקש לגלות את הקץ, פירוש, דרצה ללמוד לבני ישראל מה שצריכים לעשות להביא את הקץ, ורצה ללמוד לבניו הדרך לזכות להגאולה שלימה.

לזה אמר "האספו", דעצה להביא את הגאולה הוא להיות באחדות, לזה אמר המדרש האספו, הטהרו, דלא סגי שיבואו כולם ויתאספו על שלחן אחד או בבית אחד, אלא התכלית הוא שיהיה אהבה אחוה שלום ורעות, דלא לקנאות את חבירו ולא לשנוא את חבורו, וזהו "הטהרו", שצריכים לטהר ממדות רעות, ואחר שנטהרו מכעס ותחרות קנאה ושנאה יכול להיות האספו גם בלב, וזהו מה שיקרב הגאולה שלימה.

(עבו"ע שפת"ק ויחי)

### על ידי שמקבל תוכחה יתמרקו חטאותיו ויבא כל מיני ברכות והשפעות

**לו ישטמנו יוסף והשב ישוב לנו את כל הרעה אשר גמלנו אותו.**

המשך בע' ב

פרנס פעולות האיחוד לחודש טבת
נתנדב על ידי הרבני הנגיד הטפסר המרומם רודף צדקה וחסד בונה ומקים עולמות של תורה וחסידות
הרה"ח משה חיים בערקאוויטש שליט"א
לעילוי נשמות הוריו היקרים
אביו הרה"ח יעקב אליעזר ב"ר יחיאל מיכל ז"ל - אמו האה"ח מרת דבורה חנה ב"ר יצחק צבי ע"ה
ולע"נ בתו האה"ח מרת דילא רבקה לאה ע"ה
תהא נשמתם צרורה בצרור החיים אמן
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך! מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעוכ"י

**יגעתי ומצאתי, אויב פלאגט מען זיך אויף אידישקייט, טרעפט מען די ניצוצות הק' וואס זענען פארלוירן.**

(שפת"ק בהר - ג')

## כדי עס זאל זיין א אסיפה באחדות הלב דארף מען זיך מטהר זיין די מדות

ויאמר יעקב אל בניו האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים, שטייט אין מדרש אויף די פסוק האספו רב אחא אמר הטהרו.

דארף מען פארשטיין וואס איז די ענין פון טהרה דא, נאר דער ענין איז אזוי, ווייל יעקב אבינו ע"ה האט געזאגט פאר זיינע קינדער זיי זאלן זיך צוזאם נעמען, און עס זאל רוען צווישן זיי שלום וריעות מעומק הלב, ווייל דאס וואס מען נעמט זיך צוזאם אין איין שטוב, הייסט נאך נישט קיין אסיפה, ווייל ס'איז יתכן מען זאל זיצן צוזאמען אויף איין באנק, און ביי איין טיש, און מיט דעם קען זיין צווישן זיי קנאה און שנאה ותחרות, און אזא אסיפה קען גורם זיין אויף פארקערט, צו מרבה זיין מער פירוד הלב בין אדם לחבירו, נאר דער עיקר אסיפה איז ווען מען נעמט צוזאם די הערצער צוזאמען, און עס רוהט א אהבה פון איינעם צום צווייטן, און דאס האט יעקב אבינו געזאגט "האספו ואגידה לכם",

## דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

אגידה קען מען אויך מפרש זיין א לשון פון אגודה אחת, דאס מיינט אז ענקער אסיפה זאל זיין באגודה אחת, כאיש אחד בלב אחד.

אבער זוכה זיין צו אסיפת הלבבות כאיש אחד, אז עס זאל זיין אן אהבה פון איינעם צום צווייטן, איז נישט קיין גרינגע זאך, ווייל בטבע האט א מענטש פארשידענע חשבונות אז ער האט אים אזוי געטוהן און ער אזוי, און ער האט נאר ליב ווער עס איז מכבד כראוי, און ווער עס איז אים נישט מכבד און כ"ש ווער עס האט געטוהן קעגן זיין רצון איז ער נוטר אויף אים א שנאה בעומק לבבו, און א מענטש דארף ארבעטן א שווערע עבודה צו מטהר זיין זיין הארץ פון די אלע נגיעות און חשבונות, וואס דאס איז דורך דעם וואס ער וועט קובע זיין אין זיין הארץ באמונה חזקה, אז אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה, און אויב אזוי, וואס האט ער צו נוטר זיין א שנאה אויף א צווייטן נאכדעם וואס ער האט אים גארנישט געטוהן, נאר אלעס איז געטוהן געווארן מן השמים, בחשבון גבוה מעל גבוה, אזוי דארף דאס א מענטש איינקריצן אין זיין הארץ יום אחר יום, און ארבעטן א שווערע עבודה זמן וזמנים טובא, צו מטהר זיין זיין הארץ פון אלע מדות רעות, און אזוי וועט ער זוכה זיין צו ליב האבן יעדע איד באמת.

און דאס איז פשט אין די ווערטער פונעם מדרש, אז ווען יעקב אבינו האט געזאגט פאר זיינע קינדער האספו ואגידה לכם, וואס דאס מיינט אז זייערע הערצער זאלן זיך צוזאמנעמען באגודה אחת, איז שווער אויף דעם, וויאזוי קען מען דאס מקיים זיין, דאס איז דאך א זאך וואס איז קעגן די טבע הגוף, וועגן דעם איז רב אחא מפרש, אז די כוונה פון יעקב איז געווען אז זיי זאלן זיך מטהר זיין, דאס מיינט אז זיי זאלן טוהן א שווערע עבודה צו מטהר זיין זייער הארץ פון אלע מדות רעות, און דורך דעם וועלן זיי זוכה זיין, צו זיך צוזאמען נעמען די הערצער באגודה אחת, ווייל כדי עס זאל זיין האספו דארף זיין הטהרו.

(עבודת עבודה פתגמי"ק)

המשך מע' א

וכבד דייקו המפרשים בזה, דהאיך חשדו השבטים הק' את יוסף הצדיק בדבר הזה, שינקום בהם על הרעה שגמלו אותו.

אלא הענין בזה, כי השבטים הק' חששו, שכמו כאשר באו בתחלה למצרים ציערם יוסף בכמה אופנים, והתכוון בזה כדי למרק מהם חטא מכירתו, ואז הרי עדיין לא נתמרק החטא לגמרי, וכמו שכתוב ולא יכלו להתאפק לכל הנצבים עליו, משמע כי אילו היה ביכלתו להתאפק היה ממשיך לצערם עוד כדי למרק החטא יותר, לכן חשבו השבטים הק', כי עתה ימשיך יוסף לצערם כדי למרק עוד יותר את חטאתם, על כן התנפלו לפניו לאמר, שהם מודים ומתוודים שחטאו, והם שבים על זה בכל לב, ובזה לבד שהם מודים ומתוודים על חטאתם יתמרק החטא, ולא יצטרך לצערם עוד.

הרי כי זהו הטובה יותר גדולה לאדם, כאשר הוא מודה ומתוודה על חטאתו ומקבל התוכחה ומוסר, אף על פי שבשעת מעשה קשה מאוד לאדם לסבול ולקבל דברי תוכחה, כי זה טבע הגוף, אבל סוף כל סוף יגיע לו מזה טובה גדולה, שעל ידי זה יתמרקו חטאתיו, ובכח זה יושפעו עליו כל מיני ברכות והשפעות טובות.

(עבו"ע דב"ק ויחי)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצואגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **שלמה קליין** הי"ו (בלומינגבורג)
לרגל שמחת נישואי בנו החתן ישעי' מנחם נ"י למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### פרשת ויחי סתומה

פרשת ויחי איז סתומה, דער תכלית פארוואס געווענליך זענען די פרשיות פתוחות, איז ליתן ריוח בין פרשה לפרשה, אז מ'זאל זיך קענען מתבונן זיין דערין, אבער נאכדעם וואס די הערצער פון כלל ישראל זענען פארשטאפט געווארן ר"ל, איז נישט געווען ווער ס'זאל זיך מתבונן זיין, דעריבער איז די פרשה סתומה.

(דברי ישראל)

### ויחי יעקב בארץ מצרים.

דורך דעם וואס א איד מאכט א גדר צו זיינע גשמיות'דיגע באדערפענישן, האט ער א חיות אויף די וועלט, דאס איז דער רמז, ויחי יעקב, דאס חיות קומט דורך דעם, וואס "ארץ" די גשמיות'דיגע חלקים, "מצרים", מאכט ער אויף א ענגע מצב, (מלשון מיצר).

(תולדות יעקב יוסף)

### וישתחו ישראל על ראש המטה.

זאגט רש"י הק', "על שהיתה מטתו שלימה ולא היה בו רשע שהרי יוסף מלך הוא ועוד שנשבה לבין הגוים ועומד בצדקו".

איז לכאורה שווער, ווער זאגט אז יוסף וועט בלייבן ערליך א גאנץ לעבן. נאר די גמרא זאגט (יומא ל"ח ע"ב) כיון שיצאו רוב שנותיו של אדם ולא חטא שוב אינו חוטא, און יוסף האט געלעבט הונדערט און צען יאר, ווייל ווען יעקב איז נפטר געווארן איז יוסף אלט געווען זעקס און פופציג יאר, [ווייל ביי דרייסיג יאר איז יוסף געווארן מלך, און מיט די זיבן זאטע יאר און די צוויי הונגער יארן און נאך זיבעצן יארן וואס יעקב האט געלעבט אין מצרים איז אלעס צוזאמען זעקס און פופציג יאר], קומט אויס, אז ביי יוסף איז שוין אריבער רוב פון זיינע יארן, דעריבער איז ער געווען א "עומד בצדקו", דארף מען נישט מער מורא האבן אז ער וועט זינדיגן.

(משך חכמה)

### הנה בנך יוסף בא אליך ויתחזק ישראל וישב על המטה.

די גמרא זאגט (נדרים ל"ט ע"ב) כל המבקר את החולה והוא בן גילו נוטל אחד מששים בחליו, יוסף איז דאך געווען דער זעלבער בן גילו ווי יעקב, ווייל אלעס וואס האט פאסירט מיט יעקב, האט פאסירט מיט יוסף, ממילא איז דאך אוועק א זעכציגסטל טייל פון די קרענק פון יעקב, ווען יוסף איז געקומען באזוכן.

דאס איז פשט אין פסוק, בעפאר יוסף איז געקומען, שטייט אין פסוק "הנה אביך חולה" דער ווארט "הנה" באטרעפט 60, ווייל דעמאלטס האט יעקב נאך געהאט די גאנצע שוואכקייט, אבער ווען יוסף איז געקומען מבקר חולה זיין, שטייט שוין ויתחזק ישראל וישב על "המטה", יעקב האט זיך געשטארקט, ווייל ער איז שוין נאר געבליבן מיט 59 חלקים פון די קרענק, אזוי ווי דאס גימטריא פון די ווארט "המטה".

(אלשיך)

### ויברכם ביום ההוא לאמור.

לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז די לשון פון "ביום ההוא", עס וואלט געקענט שטיין נאר "ויברכם" אז ער האט זיי געבענטשט, און זיכער איז עס אין יענעם טאג וואס ער האט זיי געבענטשט, וואס וויל מיר דער פסוק לאזן הערן מיט דעם "ביום ההוא"?

מען קען דאס מסביר זיין מיט דעם וואס רש"י הק' זאגט, ווען יעקב אבינו האט געוואלט בענטשן מנשה מיט אפרים, האט יעקב געפרעגט פון יוסף "מי אלה" ווער זענען די קינדער וואס זענען נישט ווערד מען זאל זיי בענטשן, וויבאלד די שכינה איז אוועקגעגאנגען פון יעקב, ווייל ער האט געזעהן אז פון אפרים וועט ארויס קומען ירבעם און אחאב, און פון מנשה וועט ארויס קומען יהוא מיט זיינע קינדער.

מיר געפונען אבער ווען אברהם האט פארטריבען הגר מיט ישמעאל פון זיין הויז, און זיי האבן נישט געהאט מער קיין וואסער צו טרונקען, האט דער אויבערשטער געמאכט א נס פאר זיי און זיי האבן דערזעהן א ברונעם מיט וואסער, האבן די מלאכים גע'טענה'ט צום רבוש"ע, דער מענטש וואס זיינע קינדער וועלן אמאל הרג'נען דיינע קינדער מיט דארשט, ווילסטו איהם געבן א ברונעם מיט וואסער, האט דער אייבערשטער געענטפערט, איך משפט א מענטש לויט ווי ער איז יעצט, און וויבאלד יעצט איז ישמעאל א צדיק מאך איך פאר איהם די נס.

דאס זעלבע קען מען דא אויך זאגן, וויבאלד יעצט זענען מנשה און אפרים געווען צדיקים, כאטש אפילו שפעטער זענען ארויס געקומען פון זיי רשעים, דעריבער האט זיי יעקב געבענטשט, וויבאלד מען משפט א מענטש לויט ווי ער איז יעצט.

דאס קען זיין פשט אין פסוק "ויברכם" יעקב אבינו האט זיי געבענטשט, כאטש עס וועלן ארויס קומען פון זיי רשעים, אבער וויבאלד "ביום ההוא" אין יענעם טאג זענען זיי געווען צדיקים, דעריבער האט ער זיי געבענטשט.

(כלי חמדה)

## א מעשה אויף די פרשה

### וישתחו ישראל על ראש המטה, פירוש רש"י תעלא בעידניה סגיד ליה.

דער קעלמער מגיד האט געוואלט האלטן א דרשה אין קעניגסבערג, איז ער געגאנגען צום ראש הקהל וועלכער האט געהייסן פוקס, און אים געבעטן רשות, אזוי ווי דער מגיד איז געווען א הויכער איד, האט ער ביים אריינגיין צום ראש הקהל זיך געמוזט אביסל איינבייגן.

דער ראש הקהל האט מיט א שמייכל געפרעגט דעם מגיד, "איך בין דאך נישט קיין שר ושופט, פארוואס בוקט איר זיך צו מיר", האט דער מגיד געענטפערט, "איך ווייס אז איר זענט נישט קיין שר ושופט, אבער אונזערע חכמים זאגן דאך, תעלא בעידניה סגיד ליה, און דאס איז דאך דער טייטש, ווען דער פוקס איז ראש הקהל, בוק זיך צו אים!".

### ויעל עמו גם רכב גם פרשים וגו' וישאו אתו בניו ארצה כנען.

אין די צייטן פון הגאון ר' שלמה קלוגער זי"ע האבן די משכילים אין בראד געוואלט איינפירן, אז מען זאל פירן די מתים צום בית החיים אין א וואגן, אזוי ווי דער מנהג ביי די גוים, ר' שלמה קלוגער איז ארויסגעטרעטן קעגן דעם פירצה מיט'ן גאנצן שארפקייט, און האט באפוילן די חברה קדישא אז יעדער נפטר וואס ווערט געפירט אויף א וואגן, זאל מען נישט לאזן באערדיגן אין די אידישע בית החיים.

די משכילים האבן אנגעקלאגט ר' שלמה קרוגער אין געריכט, און דער שופט האט געפאדערט פון רב אן אויפקלערונג, דער בראדער רב האט דאך געוואוסט אז ער האט נישט וואס צו גיין לערנען מיט'ן גוי קיין הלכה אין אידישע מנהגים, האט ער אים געברענגט א ראי' פון די וואכעדיגע סדרה, וישאו אותו בניו ארצה כנען, "זעסטו", האט ר' שלמה קלוגער געזאגט פאר'ן שופט, "כאטש מען האט געפירט יעקב אבינו פון מצרים ביז קרית ארבע, און עס זענען מיטגעגאנגען גם רכב גם פרשים, האבן די בני יעקב אים געטראגן אויף די הענט און נישט געלייגט אין א וואגן!"

דער שופט האט אנגענומען די טענה, און די משכילים זענען אינגאנצן פארשעמט געווארן.

### ובדם ענבים סותה.

דער הייליגער רבי ר' פנחס'ל קאריצער זי"ע, האט אמאל געגעבן אן עצה פאר א איד וועלכער האט שטארק געליטן פון דעם וואס דאס בלוט איז אים גערינען פון די נאז, אז ער זאל טרונקען

# הזמנה פרטית

אריינצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
718.451.8674
עקסטענטשן
840


בעזהשי"ת

נעלה את ירושלים
בסימן טוב

על ראש שמחתינו
ובמזל טוב

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון
קול חתן

מזל
טוב

וקול שמחה
וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
מתכבדים אנו בזה להזמין את כבוד קרובינו וידידינו
לבוא להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
ישעי' מנחם נ"י

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה
לאה העניא תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ד' לסדר "ובני ישראל פרו וישרצו וירבו" (שמות)
י"ח לחודש טבת שנת תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט
ולמס' Jan 7

קבלת פנים בשעה 6:00
והחופה בשעה 7:00

באולם עטרת מאיר צבי
38 Bnai Yoel Dr, Highland Mills, NY 10930

אי"ה ביום שמחתכם נשיב לכם כגמולכם הטוב בל"נ
ידידיכם המצפים לקבל פניכם באהבה ובשמחה

הורי החתן
שלמה קליין ובו"ב
קרית יטב לב - בלומינגבערג יצ"ו

הורי הכלה
משה נחום ירמי' קופטשיק ובו"ב
קרית יואל יצ"ו




א סאך ווייןּ, צוצייכנענדיג די פסוק אין די וואכעדיגע סדרה, אז דאס זאגט דער פסוק "ובדם" ווען איינעם רינט בלוט, "ענבים" ויין פון טרויבן, "סותה" איז זיין רפואה.

## כי באפם הרגו איש.

ווען דער ספר "חפץ חיים" איז ערשינען לאור עולם, האט איינער דערפון חוזק געמאכט, זאגנדיג וואס עפעס א ספר אויף "שמירת הלשון" אפשר קען מען מאכן א ספר אויך אויף "שמירת האף", אפהיטן די נאז, ווען דאס ווערטעל איז אנגעקומען צום חפץ חיים ז"ל, האט ער זיך אנגערופן, גערעכט, אויך אויף די נאז דארף מען אכטונג געבן, ווייל אמאל מיט א דריי מיט די נאז קען מען יענעם אוועקמאכן און חרוב לייגן, ווי דער פסוק איז דאס מרמז, כי "באפם" מיט די נאז, "הרגו איש" קען מען הרג'נען א מענטש.

## ארור אפם כי עז ועברתם כי קשתה.

עס ווערט דערציילט אויף הרה"ק ר"ר מרדכי מנעשכיז זי"ע, אז ער האט יארן לאנג געמאכט פארשידענע השתדלות צו באקומען געוויסע סחורה פון ארץ ישראל צו מאכן דערפון א טלית קטן, אבער אין יענע צייטן איז דאס זייער שווער אנגעקומען, ווייל זייער וויינציג מענטשן זענען געפארן אויף אזא נסיעה קיין חוץ לארץ פון ארץ ישראל, און ער האט טאקע געווארט א לאנגע צייט ביז ענדליך האט זיך געמאכט אז א געוויסער חסיד איז געקומען צו פארן פון ארץ ישראל, און האט מיטגעברענגט די סחורה אויף וואס ער האט אזוי לאנג געווארט.

ווען די סחורה איז אנגעקומען האט עס ר' מרדכי'לע מ'נעשכיז געגעבן פאר א געוויסן באקאנטן שניידער אין שטעטל, ער זאל אים פון דעם אויסשניידן א טלית קטן, מעשה שטן הצליח, דער שניידער האט זיך פארטויישט, און אנשטאט צו מאכן איין לאך אינעם טלית קטן האט ער פארזען און געמאכט צוויי לעכער, ווען דער שניידער האט זיך געכאפט זיין טעות, האט אים אנגעכאפט א שרעק, וויסענדיג אז אויף די סחורה האט מען געווארט א לאנגע צייט, און יעצט האט ער דאס קאליע געמאכט צוליב זיין לעכערליכן טעות.

ווי ערשטוינט איז ער אבער געווארן, זעענדיג ווי דער צדיק הערט וואס עס האט פאסירט און רופט זיך אן מיט א שמייכל, נו, עס פעלט דאך אויס צוויי לעכער אינעם טלית קטן, איינס דורכצופירן דעם קאפ, און איינס אויסצופרובירן צי מרדכי וועט ווערן אין כעס...

# ווען איז ניטל

## פאַרוואָרט

אַזוי ווי די וואָך דינסטאָג נאַכט געפעלט אויס די צווייטע ניטל, און ווי באַקאַנט איז דאָ פאַרשידענע זמנים ווען עס איז ניטל, טייל קהילות האַלטן נאָר דעם יעצטיגן ניטל, און טייל קהלות האַלטן צוויי מאָל ניטל, אין דעם מאמר האָבן מיר בעזהי"ת קלאָר געמאַכט ווען עס איז די ערשטע ניטל, און ווען עס איז די צווייטע, און די טעם פאַרוואָס עס זענען דאָ וואָס האַלטן נאָר איין ניטל, און פאַרוואָס זענען דאָ וואָס האַלטןביידע מאָל ניטל.

### א
### שאלה: ווען איז די ערשטע ניטל?

**תשובה:** די ערשטע ניטל איז אינעם 25'סטן דעצעמבער, און עס איז דאָ אין דעם צוויי מנהגים, טייל פירן זיך צי האַלטן די ערשטע ניטל אין די נאַכט פון 24'סטן צום 25'סטן דעצעמבער, און דעמאָלטסס איז די חאַגא פון די קאַטוילישע נוצרים, און אַזוי פירט מען זיך ביי אונז, און ביי די אשכנז'ישע קהילות האָט מען געהאַלטן ניטל די נאַכט פון 25'סטן צום 26'סטן.

### ב
### שאלה: ווען איז די צווייטע ניטל?

**תשובה:** די צווייטע ניטל קומט אויס אין די נאַכט פון 6'סטן צום 7'סטן יאַנואַר, און אַזוי איז אָנגענומען אין רוב קהילות, וואָס דאָס קומט אויס געוויינדליך אין תקופת טבת.

אָבער עס איז דאָ אין דעם פאַרשידענע מנהגים, ווי פאָלגענד:

#### 1. ווענדט זיך אין די תקופה

עס זענען דאָ וואָס פירן זיך, אַז אויב דער תקופת טבת קומט אויס בייטאָג פאַר חצות פונעם זעקס'טן אין יאַנואַר, דעמאָלטסט האַלט מען ניטל די נאַכט צום זעקס'טן, און אויב דער תקופה איז בייטאָג נאָך חצות פונעם זעקסט'ן אין יאַנואַר, דעמאָלטסט האַלט מען ניטל די נאַכט צום זיבעטן.

#### 2. פיפטן יאַנואַר פון חצות בייטאָג

עס זענען דאָ וואָס פירן זיך אַז מען לערנט נישט, אין פיפטן יאַנואַר פון חצות בייטאָג ביז חצות ביינאַכט, און אַזוי האַלטן די רוסישע קהילות.

#### 3. ביידע ניטל'ס

טייל קהילות פירן זיך צו האַלטן ביידע ניטל'ס, און אַזוי פירט מען זיך ביי אונז, יעדער דאַרף זיך פירן כפי מנהג אבותיו ורבותיו.

### ג
### שאלה: פאַרוואָס איז די ערשטע ניטל 25'סטן אין דעצעמבער?

**תשובה:** די גמרא זאָגט (מסכת עבודה זרה דף ח' ע"א) נאַכדעם וואָס אדם הראשון איז באַשאַפן געוואָרן אין חודש תשרי, האָט ער געזען ווי די טעג ווערן קלענער, האָט ער געטראַכט אַז דאָס איז ווייל ער האָט געזינדיגט מיטן עסן די עץ הדעת, דעריבער ווערן די טעג קלענער און קלענער, ביז די וועלט וועט אינגאַנצן בטל ווערן, האָט ער געפאַסט אַכט טעג, ווען עס איז אָנגעגעקומען די תקופה פון טבת, און ער האָט געזען אַז דער טאָג איז דעמאָלטס גרעסער געוואָרן, האָט ער געמאַכט אַכט טעג יום טוב, און פון דעמאָלטס אָן האָט ער געמאַכט יעדעס יאָר אַ יום טוב אין די אַכט טעג פון תקופת טבת, אָנגעהויבן פון 24'סטן דעצעמבער, ביז דעם ערשטן יאַנואַר, וואָס דאָס זענען אַכט טעג (ווייל דעצעמבער האָט 31 טעג).

און צוליב דעם האָבן די גוים באַשטימט צו מאַכן אַ חאַגא דעם 24'סטן דעצעמבער, ביז דעם ערשטן יאַנואַר, די גמרא זאָגט דאָרט, אַז אדם הראשון האָט געמאַכט דעם יום טוב לשם שמים, אָבער די גוים מאַכן דאָס פאַר אַ חאַגא פאַר זייער עבודה זרה.

און אַזוי ווי די 24'סטער דעצעמבער איז זייער חאַגא, צוליב דעם האָט מען זיך געפירט צו האַלטן ניטל אין די נאַכט צום 25'סטן דעצעמבער, ווייל ביי די גוים גייט די נאַכט נאָכן טאָג.

### ד
### שאלה: פאַרוואָס איז די צווייטע ניטל אין 5-6 יאַנואַר?

**תשובה:** כדי צו פאַרשטיין פאַרוואָס מען פירט זיך אין אַסאַך פלעצער צו האַלטן די צווייטע ניטל, איז וויכטיג מקדים צו זיין די פאָלגענדע הקדמה:

מיר ווייסן אַז די גוים רעכענען די יאָר לויט די זון, וואָס יעדעס יאָר קומט די זון צוריק אויף די זעלבע פלאַץ, און דאָס געדויערט 365 טעג מיט 6 שעה, און דאָס ווערט אָנגערופן אַ "שנת החמה".

לויט דעם קומט אויס אַז יעדע אָנהייב יאָר, וואָס דאָס איז אינעם ערשטן פון חודש יאַנואַר, הייבט זיך אָן אַ נייע רינג פאַר די זון, אָבער אַזוי ווי די זון ענדיגט איר רינג מיט 6 שעה מער פון 365 טעג, קומט אויס אַז יעדע יאָר ריקט זיך דער אָנהייב יאָר מיט 6 שעה.

למשל: די ערשטע יאָר, אינעם ערשטן יאַנואַר, האָט די זון אָנגעהויבן איר רינג זעקס פאַרטאָגס, וועט דאָס די צווייטע יאָר אָנהייבן זעקס שעה שפּעטער אַ 12 זייגער מיטאָג, אַ יאָר שפּעטער זעקס פאַרנאַכטס, די פיפטע יאָר וועט זיך עס אָנהייבן מיט אַ גאַנצע טאָג שפּעטער, דאָס מיינט אַז זייער נייער יאָר פון די פיפטע יאָר, וועט זיך אָנהייבן זעקס פאַרטאָגס פונעם צווייטן טאָג אין יאַנואַר.

און אַזוי וועט זיך דאָס ריקן יעדע פיר יאָר מיט נאָך אַ טאָג שפּעטער, דאָס מיינט אַז יעדע פיר יאָר וועט זייער נייער יאָר ווערן אַוועק געריקט מיט נאָך אַ טאָג.

קומט אויס אַז אין פערציג יאָר שפּעטער וועט די נייע יאָר זיך אָנהייבן מיט 10 טעג שפּעטער, אין צענטן אין יאַנואַר, און אין 400 יאָר וועלן זיי שוין פייערן זייער חאַגא, מיט פערציג טעג שפּעטער, דאָס מיינט אין צענטן אין פעברואַר, און דאָס איז אַזאַ וואָס קען נישט זיין, ווייל במשך פון אַסאַך יאָרן וועט אויסקומען אַז זייער נייע יאָר וועט זיין אַסאַך נאָך יאַנואַר.

ווען די גוים האָבן זיך געטראָפן מיט

דעם פראבלעם, האבן זיי געזיכט א עצה, וויאזוי אויס צו שטעלן זייער קאלענדער [לוח], אז זייער נייע יאר זאל שטענדיג זיין אין יאנואר.

כדי צו פארעכטן דעם פראבלעם האט יוליוס קייסער מסדר געווען א נייע סיסטעם אין זייער קאלענדער, ער האט איינגעפירט אז יעדע 4 יאר (וואס דעמאלטס נעמט זיך צוזאמען פון די אלע 6 שעות אין גאנצן טאג), זאל מען צו לייגן צו פעברואר איין טאג, ד.מ. אז אנשטאט עס זאל האבן 28 טעג ווי געווענדליך, זאל עס האבן 29 טאג, און עס וועט אויסקומען אז די פערדע יאר וועט האבן 366 טעג, און אזוי וועט זיך אויסגראדן אז זייער נייע יאר וועט אייביג זיין אין יאנואר.

אזוי האבן זיך די גוים געפירט ביז יאר 1582 למספרם, אבער אין יאר 1583 (ה' אלפים שמ"ג), איז אויפגעקומען דער פויבסט גריגאריאני, און ער האט געזען אז דער חשבון שטימט ווייטער נישט, דער נייע יאר איז ווייטער אוועק געריקט פון די ריכטיגע צייט, און דאס מאל איז זייער אנהייב יאר געווען צוריק געריקט מיט ארום צען טעג.

און ער האט מברר געווען די סיבה דערפון, און ער האט פעסט געשטעלט אז די אורזאך דערפון איז, ווייל דער מהלך החמה איז מיט 11 מינוט מיט 14 סקונדעס ווייניגער פון גאנצע שעה, און דאס איז דער חשבון פון שיטת רב אדא.

## וואס איז שיטת רב אדא

כדי דאס צו פארשטיין, וועלן מיר מקדים זיין וואס די שיטת רב אדא איז, די גמרא ברענגט אז רב אדא האלט, אז א "שנת החמה" איז נישט 365 טעג מיט גאנצע 6 שעה, נאר עס איז ווייניגער מיט 11 מינוט און 14 סקונדעס, דאס מיינט אז די זין קומט צוריק אויף איר פלאץ יעדע יאר 365 טעג, און 5 שעה מיט 48 מינוט מיט 46 סקונדעס, און לויט דעם קומט אויס אז די יאר איז אביסל קלענער פון וואס די גוים האבן געהאלטן ביז יעצט.

און לויט דעם קומט אויס אז במשך די אלע 1582 יארן וואס זיי האבן צו געלייגט יעדע פערדע יאר א גאנצן טאג, האבן זיי צו געלייגט יעדע יאר מיט 11 מינוט, און 14 סקונדעס מער, קומט אויס אז במשך די אלע יארן האט זיך צוזאמען גענומען פון די 11 מינוטן און די סקונדעס, ארום 10 טעג, ד.מ. אז באמת האלט מען שוין 10 טעג שפעטער, פון די ריכטיגע צייט, און זיי האלטן זייער ניי יאר מיט 10 טעג פריער פון די ריכטיגע צייט.

איז דעמאלטס געקומען גריגוריאני אויף אן המצאה, מען זאל קודם פארעכטן דעם פראבלעם אז מען זאל ריקן דעם קאלענדער אויף 10 טעג שפעטער, ד.מ. אז הגם דעמאלטס איז געווען אקטובער 4 (י"ח תשרי ה' אלפים שמ"ג דאנערשטיג, יום ד' דסוכות), אז צוועלף אזייגער אינמיטן די נאכט אנשטאט עס זאל ווערן אקטובער 5, זאל ווערן אקטובער 15, ווייל לויט די מהלך החמה איז יעצט טאקע געווען אקטובער 15.

און כדי צו באווארענען אז די פראבלעם זאל זיך נישט נאכאמאל איבער חזר'ן, האט ער קובע געווען, צוויי זאכן:

1. אז פון היינט און ווייטער וועט מען יעדע פערדע יאר פעברואר ווייטער צו לייגן א טאג אזוי ווי ביז יעצט אז עס וועט האבן 29 טעג אנשטאט 28 טעג.

2. אז יעדע הונדערט יאר וועט מען נישט צו לייגן אין דעם יאר צו פעברואר נאך א טאג, עס וועט ווייטער בלייבן נאר 28 טעג, און אזוי וועט זיך עס שטענדיג אויסגראדן.

און אזוי ווי מען האט דעמאלטס געהאלטן אין יאר 1582 למספרם, האבן זיי צוגעווארט ביז עס וועט ווערן יאר 1700 למספרם און פון דעמאלטס און ווייטער וועט מען יעדן 100 יאר נישט צו לייגן אין פעברואר א טאג ביים פערדן יאר, אזוי' ארום וועלן זיך פארגלייכן די שנת החמה מיט זייער חאגא פון די נייע יאר.

די נייע קאלענדער וואס גריגוריאני האט צוזאמען געשטעלט, איז נתפרסם געווארן אין די גאנצע וועלט, אבער נישט אלע מדינות האבן דאס געוואלט אן נעמען, רוב מדינות פון אייראפא זענען געבליבן מיטן אלטן קאלענדער, און זיי האבן געהאלטן די חאגא פון די ניי יאר אזוי ווי אלע פריערדיגע יארן, וואס דאס איז אין 5'טן יאנואר, כאטש עס איז געווען פאריקט מיט צען טעג.

אבער אין די קאטוילישע פלעצער, ווי אין פולין, דייטשלאנד, און אוסטריה, האבן יא געטוישט זייער ניי יאר לויטן נייעם קאלענדער, און זיי האבן געהאלטן זייער ניי יאר אין 25'סטן דעצעמבער.

יעצט קען מען שוין פארשטיין פארוואס עס זענען דא וואס האלטן ביידע מאל ניטל, וויבאלד פאר מען האט געריקט די קאלענדער האבן זיי געהאלטן די חאגא אין 5 יאנואר, און דאס איז די ערשטע ניטל, אבער נאכדעם וואס מען האט געריקט דעם קאלענדער מיט 10 טעג פריער, האט זיך געריקט זייער חאגא מיט 10 טעג אויף 25 דעצעמבער, און זיי האבן געהאלטן חאגא אויך לויט די נייע קאלענדער.











# באור התפילה

נכתב ע"י ועד מורא מקדש דקהל אור החיים דטאהש

## די הארבקייט פון רעדן ביים דאווענען, און די גרויסקייט פון כבוד ביהמ"ד

רבינו הקדוש זי"ע שרייבט (עבודת עבודה פתגמי קודש פ' פקודי' אות ב'):

אין דעם ענין דארף זיך יעדער פארבעסערן, אז ווען ער קומט אין ביהמ"ד זאל ער אריינטראכטן די געוואלדיגע קדושה פון דעם פלאץ וואס ער שטייט, "ווי פארכטיג איז דער פלאץ דאס איז דעם אייבערשטנ'ס הויז כביכול, און דא איז די טויער פון הימל", ער זאל זיך אויפפירן מיט א יראת הכבוד אזוויוי איינער וואס שטייט אין פאלאץ פון קעניג.

ער זאל נישט רעדן קיין דברים בטלים, כל שכן ווען דער ציבור דאווענט, ווייל איינער וואס רעדט ווען מ'דאווענט איז אזוויוי איינער שמועסט אין פאלאץ פון קעניג ווען יעדער לויבט אים, ווייל בשעתן דאווענען זענען אידן מקבל עול מלכות שמים און איינער וואס רעדט דעמאלטס ווייזט ער דערמיט אז זיינע שטותים זענען חשוב'ער פונעם אייבערשטן, און דאס איז די גרעסטע חילול ה' רח"ל.

**"און דער מענטש וואס רעדט, אויסער דעם וואס ער איז א בעל עבירה, איז ער א חוטא ומחטיא את הרבים, ווייל ער שטערט אנדערע פון דאווענען און ער איז מעורר דינים אויף זיך און אויף אנדערע, און אפילו מ'האט אים אנגעשריבן א גוט יאר ר"ה קען ער עס נישט באקומען, ווייל ער פארשפארט די טויערן וואס ברענגען השפעות טובות רח"ל".**

אבער מדה טובה מרובה איינער וואס איז מכבד דעם אייבערשטנס הויז, ברענגט ער אראפ השראת השכינה און ער ברענגט אויף זיך און אלע אידן רחמים וחסדים, **"און דורך די כח פון קדושת בית המדרש, פועל'ט דער מענטש צו אויסהיילן חולי ישראל און ממשיך זיין פרנסה פאר אידישע קינדער און משפיע זיין רחמים וחסדים פאר די גאנצע וועלט, ער מאכט גליקליך זיך און אנדערע, און די גרעסטע זאך איז אז ער וועקט אויף א רצון אין הימל פאר די גאולה שלימה שיבנה בית המקדש במהרה בימינו אמן.**


בס"ד

איחוד התושבים

אינטערעסן פונעם ציבור

אינפארמאציע אפדעיט

#2

מיט א פאזיטיווע אריינבליק ווייטער אין אונזער אייניגן ציל צו פארבעסערן אונזערע באצואינגען מיט די ערוועלטע באאמטע, און אין די זעלבע צייט אויפטון להנאת הציבור תושבי עירינו, טוען מיר ארויסקומען מיט א אפדעיט פון די פארגאנגענע טעג, אז אין די יעצטיגע טעג איז מען געזיצן אויף עטליכע פונקטן וועלכע עס קען ווערן איינגעשטעלט לטובת הכלל, אבער צוליב דעם וואס די סיטי איז געווען פארנומען מיט זייער יערליכע בודזשעט סעזאן, און אזוי אויך איז יעצט די גוי'שע חגאות סעזאן איז כעת נאכנישט דא קיין קלארע דעטאלן, אבער האפענטליך תיכף נאך די חגאות טעג וועלן מיר ווייטער קענען פאראויס שטיפן פארשידענע פראיעקטן, און ווי נאר זאכן וועלן ווערן קלאר וועלן מיר ארויסקומען צום ציבור.

אין די זעלבע צייט איז כדאי צו באטוינען, אז שטייענדיג נאך די לעצטע געשעהנישן אין קריתינו הק', האט זיך אנגעזעהן ווי ווייט די געטרייע מיטארבעט פון תושבי קריתינו הק' ביי די פריערדיגע וואלן האבן געשפילט א הויפט ראלע.

ווי למשל ביי די פארגאנגענע שריפה חודש כסליו אין בנין ביהמ"ד הגדול, האט די פייער דעפארטמענט צוליב אונזער קשר מיט די ריכטיגע אינסטאנצן קארדענירט מיט די הנהלת הביהמ"ד זיכער צו מאכן אז זיי טוען ווי ווייניגער שאדן פון הקדש געלט, ווי אויך האבן די ערוועלטע באאמטע גערופן אונזערע עסקנים נאך יענע נאכט צו זעהן וואס מען קען אונז העלפן, א זאך וואס איז נישט געשעהן דא פאר א לאנגע תקופה וד"ל.

אבער נאכמער האט זיך עס אנגעזעהן די אנדערע טאג ווען אלע בויקראטישע פראצעדורן וואס עס פעלט זיך אויס נאך א שריפה, ווי סעיפטי קאמפלייענס ווי אויך עלעקטעריק סערטיפעקעט'ס וואס עס דארף ווערן באשטעטיגט ביי די סיטי צו עפענען א בילדונג, וואס דאס קען נעמען אין נארמאלע אומשטענדען וואכן, און ווען עס איז נישטא קיין פארשטענדעניש קען עס נעמען גאר א לאנגע צייט ווי עס האט שוין פאסירט אין די פארגאנגענהייט, זענען מיר עסקנים געווען איבעראשט, אז זיי האבן געמאכט זיכער אז מען קען אריינגיין אינעם בנין תיכף ומיד לטובת הכלל אן קיין שום שטערונגען.

ווי אויך דארף מען דערמאנען, אז די וואך ביי די בלעקאוט האבן אונזערע עסקנים - אויף די פארלאנג פון חברים דקריתינו הק' - געהאט די געלעגנהייט צו העלפן דעם ציבור, ווען לויט די פאראויס-זאגעניש פון די היידראו באאמטע, איז געווען גע'סקעדזשולט אנצוהייבן די ארבעט צוריקצושטעלן די לעקטער ערשט די קומענדיגע אינדערפרי, וואס דאס וואלט געמיינט א גאר קאלטע נאכט צווישן אונזערע שטובער, אבער א דאנק אונזערע גוטע קשרים מיט די באאמטע, האבן די געטרייע עסקנים מיט די שטארקע פראטעקציע געקענט אנקומען צו די אויפזעהערס פון די קאמפעני אינמיטן די נאכט, און ב"ה געהאט אוזן קושבת ביי זיי, און תיכף נאכאמאל אראפגעשוקט די ארבעטער צוריקצושטעלן די לעקטער די ערשטע געלעגנהייט.

השי"ת זאל העלפן מיר זאלן ווייטער האבן די געלעגנהייט צו אויפטון למען הכלל והפרט פאר די אינטערעסע פונעם ציבור, ותטה לב המלכות ושריו ויועציו עלינו לטובה, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת משיחנו, במהרה בימינו אמן.

מיט דופרידענהייט

איחוד התושבים קאמיטע



ביהמ"ד זכרון אוהל אלימלך דטאהש

מאנסי ניו יארק

נתייסדה ע"י כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע

CONG. ZICHRON OIHEL ELIMEILECH

146 MAPLE AVE. SPRING VALLEY NY

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

מזמור לתודה

במעמדינו אחר מעמד הגדול "יחדשהו" לחנוכת הבית והתחדשות קהלתינו משולב עם סעודת מלו"מ וסעודת הילולא קדישא כ"ג כסליו העלל"ט

הננו בזה להביע את מיטב איחולינו לברכה אל מול מע"כ ידידינו החשובים

הנדיבים הנכבדים אנשי שלומינו ובאי בית מדרשינו

כאו"א בשמו הטוב יבורך

ובפרט להני צנתרי דדהבי עושים ומעשים

מוה"ר יוסף אלימלך קרויס הי"ו / מוה"ר דניאל הילל פיליפסאן הי"ו / מוה"ר יצחק כ"ץ הי"ו / מוה"ר אברהם שמואל פרושינובסקי / הי"ו / מוה"ר משה שווארץ הי"ו מוה"ר יואל משה דוד ווייס הי"ו / מוה"ר יחיאל אלטר גוטמאן הי"ו / מוה"ר אלימלך פעלבערבוים הי"ו / מוה"ר מרדכי יודא פויגעל הי"ו / מוה"ר ישראל יעקב לאנדאוי הי"ו / מוה"ר חיים ראטטענשטיין הי"ו / מוה"ר אהרן עהרענטאל הי"ו מוה"ר אלימלך זילבער הי"ו / מוה"ר נפתלי ראטטענבערג הי"ו מוה"ר מרדכי ראטטענשטיין הי"ו מוה"ר זיידא ישראל חיים סג"ל קרויס הי"ו / הבה"ח צבי מאיר בנימין בראדי ני"ו הבה"ח יונה גוטמאן ני"ו / הבחורים החשובים אחים לאנדאוי ני"ו

= בעלי דרשנים במשך המעמד =

הרה"ג ר' ישעי' מאיר קרויס שליט"א – יושב ראש

דומ"ץ דקהלתינו הק' קרית יואל שליט"א – נואם הכבוד

הרה"ג ר' יוסף צבי ליעבערמאן שליט"א מבעסערמין – דבר הביהמ"ד

הרה"ג אב"ד דעלאטין שליט"א – סיפורי קודש

הגה"צ אב"ד דקהלתינו שליט"א – דברי ברכה

= אחרון אחרון חביב =

מוה"ר חיים יעקב מאירוביץ הי"ו

מוה"ר מוה"ר ישעי' סג"ל גאלדשטיין הי"ו

מוה"ר אהרן אשר יעקב הערשקאוויטש הי"ו

מוה"ר יצחק שלמה בראדי הי"ו

מוה"ר לוי יצחק קרויס הי"ו

הנהלת הקהלה

המשך מאמר בענין:

# מצות קידוש החודש בזמן הזה

וכתב ליישב, דלעולם לא חל קידוש החודש על ידי הלל מתחילה, אלא שהלל קידש את החודשים שיחולו בכל ראש חודש, ולא יחול מתחילה. בזה מיושבת גם הקושיא שאין לקדש את החודש קודם זמנו, אלא צריכים לקדשו בו ביום, כי אכן חלות קידוש החודשים שקידש הלל אינה אלא ביום ראש חודש בעצמו, ובלילה עדיין לא נתקדש החודש, ואין צריכים לחזור בשכח להזכיר יעלה ויבוא בתפילת ערבית בליל ראש חודש.

## מנהג ברכת החודש ביום ראש חודש עצמו כמוזכר על ידי רב עמרם גאון

עתה נחזור אל הראשונות, מה שהזכרנו בתחילת אמרינו אודות מנהג ברכת החודש, שכתב המגן אברהם (סי' תיז ס"ק א) בשם היראים (השלם, סי' רנט) שאינו ענין לקידוש החודש, ואינו אלא משום הכרזה בעלמא להודיע על יום ראש חודש.

בסדר רב עמרם גאון, שהוא למעשה אוצר התפילות הקדמון והראשון בו נסדרו התפילות בשלימות, בתפילת ראש חודש (ח"ב דף סו), מזכיר את ברכת החודש שנוהגים אנו לומר בשבת בסדר ראש חודש. מעתה, מנהג רב עמרם גאון מתקבל יפה לפי דברי הרמב"ם, כי אכן מטרת ברכת החודש יש בה משום קידוש החודש, על ידי חישוב בני ארץ ישראל על זמן המולד, ולכן צריכים להכריז בראש חודש עצמו שהוא ראש חודש.

## ברכת החודש בשבת משום הזכרת הקהל לקדש את החודש במועדו

לאור זה נמצא, כי אף מנהגנו לברך את החודש ביום השבת שלפני ראש חודש, הוא גם מאותו הטעם, בכדי לחשב את חשבון המועדים שיוכלו הכל לידע את יום ראש חודש, ולקדש בפועל את יום ראש חודש על ידינו, בני ארץ ישראל, וכך הוא משמעות האבני נזר (או"ח סי' שי אות ג).

# מעדני התורה

לברר וללבן נושאים וענינים שונים כדרכה של תורה
מתוך השיעורים שנאמרו ע"י הרה"ג ר' **אהרן קאהן** שליט"א

קידוש חודש תשרי בלא ברכת החודש משום הזכרת היום בראש השנה

אך יש להעיר בזה, בענין חודש תשרי, שאין נוהגים לעשות ברכת החודש לפני חודש תשרי, ובזה לדעת הרמב"ם אשר על ידי זה מקדשים את החודשים, א"כ איך יתקדש חודש תשרי, באשר אין מברכים אותו ואין מזכירים את העם לקדשו.

אמנם, מסתבר כי מאחר וראש השנה רגילים לקראו בלשון זה, אם כן דעת הכל באמירת יום ראש השנה שהוא ראש חודש תשרי, ועל כן בלאו הכי מורגל הוא אצל כל בני ישראל לקבעו כאחד בתשרי, ולזה אין צריכים להזכיר את הקהל על ידי ברכת החודש, כי בלא"ה הכל מקדשים אותו כראוי.

## מעלת יושבי ארץ הקודש על פני גדולי הדור שבחוץ לארץ שאין יכולים לקדש החודש

ומכל הדברים יתעורר כל אחד ואחד שזיכהו בקב"ה לישב בארץ הקודש, כי גדול כוחו יותר מגדולי הדור ארזי התורה אבירי הלבנון שבחוץ לארץ, כי בהיותו בארץ בישראל, בו תלוי קידוש החודש ובידו הדבר, ואילו גדולי התורה שבחוץ לארץ, על אף כל גדלות קומתם אין יכולים לקדש את החודש, כי הכל תלוי ביושבי ארץ ישראל.

## מחלוקת גאוני ארץ ישראל עם גאוני בבל אודות מולד זקן בשנת ד"א תרפ"ב

הערה אחת יש להעיר, והוא בנוגע לפולמוס רחב שהתעורר לפני כאלף ומאה שנים, בזמן רב סעדיה גאון, התעורר אחד מגאוני ארץ ישראל בשם רבי אהרן בן רבי מאיר, ולדעתו היו צריכים לשנות איזה דבר בסידורי הלוחות. אם כי אין בידינו דברים ברורים אודות עצם וויכוחם, מאחר ועד לפני כמאה שנה לא ידעו כלל על מערכה אדירה זו, שכן לא השתמרו בידינו בכתב עדויות מדברי ימי תקופה זו, עד לגילוי הגניזה הקהירית, שם בין אלפי האוצרות נמצאו אגרות שונות מדברי מערכה זו, וממנה נמצינו למדים על קיומה, כך שקשה לדעת בדיוק על מה היו הדברים נסובים, זולת המעט מן המעט הידוע, שהיה זה בגין מולד זקן אם הוא רק בחצות או אף אחר חצות, ואין כאן המקום להאריך בכל זה.

מחלוקת זו בין גאוני ארץ ישראל לבין גאוני בבל נמשכה כשלוש שנים, בהם היו בני ארץ ישראל נוהגים בלוח בשונה ממנהג בני בבל, כאשר בחג הפסח ד' אלפים תרפ"ב, לדברי גאוני ארץ ישראל חל יום ראשון של פסח ביום ראשון בשבוע, ואילו לדברי גאוני בבל חל יום ראשון של פסח ביום שלישי בשבוע, והיו אצל בני ישראל רח"ל כשתי תורות, עד שכעבור שלוש שנים הגיעו לכלל הכרעה כדעת רבינו סעדיה גאון ושקטה הארץ.

בגוף המחלוקת כאמור לא נשתמרו בידינו פרטים, כך שאין בידינו לקבוע האם רבי אהרן בן רבי מאיר טעות היה בידו, ולאחר זמן נתבררה והוכחה טעותו, או שמדובר במחלוקת ככל המחלוקות שבתורה שבעל פה, ולדעת רבי אהרן בן רבי מאיר הצדק עמו, אלא שלאחר משא ומתן קיבל את דעת רבינו סעדיה גאון, בכדי שלא תיעשה התורה כשתי תורות.

## הערה לפי דעת הרמב"ם שהיו צריכים לנהוג כחשבון בני ארץ ישראל אפילו בהיותם מוטעין

והנה יש לעורר בזה הערה גדולה ועצומה, שכן הואיל ובקידוש החודש מבואר בגמ' (ראש השנה כה.) על הכתוב (ויקרא כג, לז) מקראי קודש אשר תקראו אתם, אתם אפילו מוטעים, ואם כן מאחר וחשבון המועדות נתון ביד בני ארץ ישראל, ובני ארץ ישראל לפי חשבונם עשו אחרת מדעתם של בני בבל, הרי שצריכים היו בני בבל לקבוע המועדות כחשבונם של בני ארץ ישראל, גם אם הדבר טעות כפי דעתם, כמו שהיה בימי רבן גמליאל ורבי יהושע (ראש השנה כה.), הואיל ואין בידם לקבוע חודשים לבדם.

סיום המאמר

# מאור התורה
ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים

דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע שרייבט אין זיין ספר זרע קודש, אז אין די ברכת יעקב איז מרומז אלעס וואס גייט געשען צו יעדע שבט ביז משיח וועט קומען, נאר קודם האט דאס יעקב אבינו געוואלט זאגן קלאר אבער דער אייבערשטער האט אים נישט געלאזט, ממילא האט ער עס נאר געזאגט ברמיזה.

איינער פון די קינדער פונעם הייליגן ריזונ'ער זי"ע האט מעיד געווען אויף זיין טאטן, אז די לעצטע יאר פון זיין לעבן האט ער זיי פאראויס געזאגט אלעס וואס עס גייט געשען מיט זיי ביז משיח'ס קומען, און חסידים האבן געזאגט אז דאס איז מכח פון זיין הייליגער נאמען ישראל וואס דורך דעם איז ער צוגעקומען צו דעם מדרגה פון יעקב אבינו.

*

צדיקים האבן געזאגט, אז די אלע מאמרי חז"ל ווי עס שטייט וואס עס וועט געשען פאר משיח וועט קומען, דאס האבן זיי געזאגט ווייל זיי האבן נישט געוויסט אז עס וועט אראפקומען א רבי ר' אלימלך אויפ'ן וועלט וואס וועט אלעס מבטל זיין.

צדיקים ברענגען נאך פון רבי ר' אלימלך אליינס אזעלכע מימרות, אז עס שטייט אין די פסוקים אז פאר משיח וועט קומען גייט זיין א מלחמת גוג ומגוג, אבער למעשה האט ער גע'פועל'ט מיט זיין תפילה אז עס זאל נישט קומען, נאר משיח גייט אנקומען פלוצלינג בשעת די תלמידי חכמים זיצן און לערנען און בשעת די סוחרים פארקויפן סחורה.

נאך די צווייטע וועלט מלחמה האט זיך איינער אמאל אנגערופן צו הרה"ק ר' אהרן מ'בעלזא זי"ע, אז די מלחמה איז זיכער געווען א חלק פון חבלי משיח, האט זיך דער בעלזער רב אנגערופן, אז דאס קען נישט זיין, ווייל די רבי ר' אלימלך פון ליזענסק האט שוין מבטל געווען חבלי משיח, נאר דאס איז זיכער אן אנדערע גזירה וואס מען האט געדארפט דורך גיין.

*

מרן רבינו שליט"א האט היי-יאר ביים מסיבת לחיים זאת חנוכה נאכגעזאגט א משל, אז די היינטיגע צייטן איז גלייך צו איינער וואס האט א געשעפט און ער לאזט אויפשרייבן דארט און באצאלן שפעטער, אבער ווען עס קומט אז דער מענטש וויל צומאכן דעם געשעפט לאזט ער מער נישט אויפשרייבן נאר ער וויל מען זאל אים באצאלן אלעס וואס מען איז אים שולדיג, די זעלבע טוט די רבוש"ע מיט אונז דורך אויס אלע יארן אין גלות, אידן האבן געהאט נסיונות אלעמאל און היינט נאך פיל שווערער, און אפילו מען איז אדורך געפאלן האט די אייבערשטער געהאפט אז מען גייט נאך תשובה טון, אבער יעצט בעיקבתא דמשיחא, וויל דער רבוש"ע מען זאל צוריק איינמאנען אלעס וואס מען האט נאכגעלאזט אין די אלע יארן, און זיך שטארקן מיט מסירת נפש אויף די נסיונות, און אלע גבורה וואס מען קען נאר האבן, וועגן דעם האט אונז די אייבערשטער געגעבן אזעלכע שווערע נסיונות, מען דארף נאר זעהן זיך צו האלטן שטארק ביז משיח וועט אנקומען.

*

עס שטייט אין ספר שמואל א' (כ' כ"ז) "מדוע לא בא בן ישי גם תמול גם היום אל הלחם", טייטש הרה"ק ר' שמעלקא מ'ניקלשבורג זי"ע אז דאס גייט ארויף אויפ'ן ביאת המשיח, אז די פסוק פרעגט "מדוע לא בא בן ישי" - פארוואס איז משיח נאכנישט געקומען, ענטפערט די פסוק "גם תמול גם היום אל הלחם" - ווייל מען איז פארנומען א גאנצן טאג מיט פרנסה בזיעת אפים, און מען קען נישט צולייגן אביסל הארץ ווען מען דאווענט צום אייבערשטן.






# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיוהד"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק בעל בני יששכר זי"ע

***דעם קומענדיגן מיטוואך ח"י טבת הבעל"ט, געפאלט אויס די הילולא קדישא פונעם הייליגן בני יששכר, הרה"ק רבי צבי אלימלך שפירא בן רבי פסח לאנגזאם זצ"ל***

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער בני יששכר איז געבוירן געווארן בשנת תקמ"ג צו זיין פאטער ר' פסח און זיין מוטער מרת רחל מינא, אינעם שטאט יאבורינק וואס געפינט זיך אין גאליציע.

דער בני יששכר איז אויפגעוואקסן און נתחנך געווארן לגדולה ביי זיינע הייליגע רבי'ס קדושים וטהורים, צווישן זיי, החוזה מלובלין זי"ע, המגיד מקאזניץ זי"ע, רבי מענדל'ע מרימנוב זי"ע, און פון די אלע האט ער זיך אנגעזאפט אוצרות ממקור החסידות שבימיו.

דער בני יששכר איז געווען עומד בראש אין עטליכע שטעט דורכאויס זיין לעבן, ווי ער האט געדינט אלטס שטאט רב אין די פאלגענדע שטעט, ריביטיטש, סטריזוב, האלאשיק, מונקאטש, ודינוב.

דער בני יששכר איז נסתלק געווארן לחיי עולם הבא ח"י טבת בשנת תר"א לפ"ק.

### דער טאביק פושקע פאלט ארויס

דער בני יששכר אויסער זיינע אלע הייליגע מדריגות והשגות, איז ער געווען גאר א הערליכע בעל תפילה, מיט א שיינע שטימע.

ווען דער בני יששכר איז געקומען קיין זידיטשוב צו זיין מחותן דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע, האט מען אים מכבד געווען צו דאווענען שחרית פארן עמוד, דערציילט רביה"ק זי"ע אין עבו"ע (שיח"ק ח"א צב), אז דער בני יששכר פלעגט דאווענען מיט א מורא'דיגע התלהבות און א קול רם, דארט איז דאן אויך אנוועזענד געווען אין זידיטשוב דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע, און ווען דער בני יששכר איז אנגעקומען צו די ווערטער 'וכל הלבבות יראוך' האט דער בני יששכר גאר הויך געשריגן, אזש די טאביק פושקע וואס איז געליגן אינעם האנט פון ראפשיצער רב איז ארויסגעפאלן, דאן האט מען באמערקט אז דער ראפשיצער רב האט געגעבן א בייג זיין קאפ כדי ארויסצווייזן הערצה אויפן כבוד וקדושה פון דער בני יששכר. ומי יעמוד בסוד קדושים וטהורים.

### מ'קען שוין גיין שלאפן

דער הייליגער שר שלום פון בעלזא זי"ע פלעגט זיך פירן צו גיין שלאפן אסאך מאל גאר שפעט, די ארומיגע שטוב מענטשן האבן עטליכע מאל אויפגעכאפט ווי איידער דער שר שלום גייט שלאפן, רופט ער זיך אן דאס פאלגענדע, 'אצינד קען מען שוין גיין שלאפן, ווייל דער בני יששכר איז שוין פון לאנג אויפגעשטאנען, אויב אזוי איז שוין דא ווער עס וועט מגין זיין און היטן אויף די גאנצע וועלט'.

### דער צוואה פונעם בני יששכר - זיך נישט משתטח זיין על ציונו הק' ביומא דהילולא -

רביה"ק זי"ע אין עבו"ע (שיח"ק ח"א) ברענגט, אז דער בני יששכר האט איבערגעלאזט צוואה אז מען זאל זיך נישט משתטח זיין על ציונו הק' אין דינוב ביומא דהילולא, נאר א טאג בעפאר אדער נאך די הילולא, ומי יעמוד בסוד קדושים.

רבינו הסב"ק זי"ע פלעגט יעדעס יאר פארן צום ציון הקדוש מיט רבו הרה"ק רבי צבי אלימלך מזלאטשוב זי"ע - בעל צבי לצדיק א אייניקל פונעם בני יששכר, און זיי זענען טאקע געפארן א טאג בעפאר אדער נאך די יארצייט, לעשות רצון צדיק.

אויך איז דא אייניקלעך פון בני יששכר זי"ע וועלכע ווייסן צו דערציילן אז מען איז נישט געגאנגען פארן קריג צום ציון אויפן יארצייט.

### זיינע הייליגע ספרים

דער בני יששכר האט מחבר געווען גאר אסאך הייליגע ספרים, וואס באשיינען און באלייכטן די וועלט עד היום הזה, מיט די טייערע און טיפזיניגע ווערטער וואס ער האט געשריבן לדורות הבאים.

דער זוהן פון די בני יששכר האט געזאגט, אז די סיבה פארוואס ער האט אנגערופן איינע פון זיינע ספרים 'בני יששכר' איז צוליב דעם וואס דער הייליגער חוזה פון לובלין רבו מובהק, האט אים געזאגט ברוח הקודש אז ער שטאמט פון שבט יששכר, דעריבער האט ער געגעבן די נאמען פאר זיין ספר 'בני יששכר'.

דער בני יששכר האט אמאל געזאגט פאר זיינע ארומיגע, אז אין א טאג וואס ער האט נישט געזאגט בכוונה די ברכה פון אהבה רבה און אתה חונן, האט ער נישט געקענט מחדש זיין קיין חידושים.

### פאלגענד זענען זיינע הייליגע ספרים:

בני יששכר - על חגים ומועדים, דרך פיקודיך - על מצות התורה, דרך עדותיך - על ספר יהושע, אגרא דכלה - על התורה, אגרא דפרקא - סגולות ואמרי צדיקים, אגרא דהילולא, חידושי מהרצ"א - על הלכות חנוכה, ליקוטי מהרצ"א - על מגילת אסתר ועל התורה, כלי הרואים - על ספר עובדיה, הגהות מהרצ"א - על ספר הזוהר, דברים נחמדים - על מסכת אבות, רגל ישרה - קבלה וחסידות, מעין גנים - כנגד ההשכלה והמשכילים, מגיד תעלומה - על מסכת ברכות, ריח דודאים - על מסכת מגילה, והיה ברכה - על משניות זרעים ושבת, ברכה משולשת - על משניות, אזהרות מהרצ"א - מוסר, הגהות והוספות מהרצ"א - ספר סור מרע ועשה טוב, חידושי בני יששכר - על ש"ס, טעמי המצות - לי"ג מדות, נחל אמונים, סדר הקרבנות, פסח בחבורה, ועוד.

### א ספעציעלע שייכות צו גזע רבותינו הקדושים

רבותינו הקדושים זי"ע האבן געהאט א ספעציעלע שייכות און הערצה צום הייליגן בני יששכר, ספריו הקדושים וצאצאיהם הק'.

רבינו השרף זי"ע איז געווען א תלמיד מובהק פון הרה"ק רבי דוד מדינוב זי"ע בעל צמח דוד, א זון פון בני יששכר, און רבינו הסב"ק זי"ע איז געווען א תלמיד מובהק פון הרה"ק רבי צבי אלימלך מבלאזוב זי"ע בעל צבי לצדיק.

ס'איז דא ניגוני קודש וועלכע ווערן געזינגען בחצרות קדשינו וועלכע שטאמען פון בני יששכר.

די נוסח ומנהגי הקפות בשמח"ת איז יסודתו בהררי קודש פון הייליגן בני יששכר, ווייל רבינו השרף זי"ע פלעגט פארן קיין דינוב אויף די צווייטע טעג סוכות.

### זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מר"ץ

## המשך הלכות תפילין

ס'דא וואס שרייבן אז מ'זאל נזהר נישט צו מפסיק זיין בדיבור, פון די ברכה אויפן של יד ביז נאכן ענדיגן אלע כריכות און די הידוק ארום די האנט פלאך, ביז ממש נאכן לעצטן כריכה אריין צווישן די פינגער (לויט די וואס פירן זיך צו מאכן א קשר). פון ווי מ'דארף שוין גארנישט טון צום הנחת תפילין, ווייל ערשט דעמאלטס ענדיגט זיך די מצות הנחת תפילין[1]. (אבער ס'נאר בבחינת הידור).

## זען צו די תפילין איז אינמיטן

מ'דארף פרובירן צו אויסשטעלן אז די תפילין זאל זיין אינמיטן. ס'דא עטליכע וועגן וויאזוי צו וויסן אז די תפילין ליגט אינמיטן א. מקען פרעגן א חבר ב. מ'לייגט צווי פינגער ביי די צווי זייטן פון די תיתורא, און מ'פרובירט אראפצוקומען מיט די צווי פינגער און א גראדע שורה ביז נאנט צו די אויגן, אזוי זעט מען צו סאיז נישט שיעף ג. מ'בייגט איין די אמה און קמיצה אויף אריין, און מ'האלט אפן די אצבע און זרת, די צווי לעצטע לייגט מען פון די צווי זייטן פון די תיתורא, און מ'זעהט צו די איינגעבויגענע אמה און קמיצה פינגער קומען אן אינמיטן ביי די נאז. מ'פירט זיך, נישט צו קוקן אין א שפיגל, צו זען אויב ס'איז אינמיטן[2].

## ד' פרשיות

ס'איז ריכטיג צו זאגן ארבע פרשיות ווען מ'האט די תפילין אויף זיך[3].

כדי דאס זאגן די ד' פרשיות זאל זיין אין די סדר וויאזוי עס שטייט אין די תורה, קדש, והי' כי יביאך, שמע, והי' אם שמוע, זאגט מען די פרשה פון 'קדש' און 'והי' כי יביאך', פארן דאווענען[4].

ס'איז כדאי עס צו זאגן אינעווייניג[5], אבער מנהג העולם להקל[6].

ס'איז א חיוב צו ליינען קרי"ש מיט תפילין, און ווער עס ליינט קרי"ש אן תפילין, איז ווי ער זאגט פאלשע עדות[7]. אויב מ'ליינט קרי"ש פארן דאווענען נישט צו פארפאסן זמן קרי"ש, און דערנאך וועט מען איבערלייענען מיט תפילין איז אויך גוט[8].

## אויב די של יד האט זיך אוועקגערוקט

אויב די של יד איז געווארן אוועקגערוקט פון פלאץ ווייל די רצועה איז געווארן לויז, דארף מען נישט אראפנעמען די של ראש, און דערנאך פארעכטן די של יד[9].

### הפסק צווישן של יד און של ראש

מ'טאר נישט מפסיק זיין צו רעדן אפילו לשון הקודש[10], און אפילו פאר א דבר מצוה[11] (געבן צדקה וכדו'), צווישן לייגן תפילין של יד און של ראש[12]. כדי די ברכה אויפן של יד זאל אויך ארויפגיין אויף די של ראש[13].

לכתחילה זאל מען נישט מרמז זיין מיט די הענט אדער אויגן, אדער סתם ווארטן אינמיטן שלא לצורך אפילו מ'איז רעדט נישט[14], און כל שכן שרייבן[15]. אזוי אויך זאל מען נישט אויפהייבן א ספר[16], אדער תפילין שיידעלע וואס איז אראפגעפאלן[17].

מ'זאל נישט ארומגיין אין שטוב מער פון 2 אמות[18], אדער ארויסגיין פון שטוב[19].

---

1 קצות השלחן (סי' ח אות יא, ובהערות סקמ"ב), דכיון שמבואר ברמב"ם בשו"ת פאר הדור (סי' ע"ג) שהקשירה הוא חלק מהמצוה ואז תהי' קשירה תמה, וז"ל כאשר יניח הרצועה על הקיבורת אז הוי הקשר העיקרי, ואז צריך לברך, אמנם הקשירה על האצבע תהי' אחר הברכה ואז יהי' קשירה תמה', לכן אין נכון להפסיק באמירת הפסוקים קודם גמר המצוה, אכן בתשובה (מהדורה אחרת ) איתא כך 'ואז תהי' קשירה תמה, ואין הקשר על האצבע מוכרח', וא"כ מה שכתב הרמב"ם שתהי' קשירה תמה היינו שיהיה הקשר חזק ואמיץ, וליכא ראיה שהכריכות על האצבע היא חלק מהמצוה. והוא כדעת הביאור הגר"א (ס"י כז סק"כ) 'ואין אנו נוהגין לקשור שם כי אינן לעיכובא'.

2 כמ"ש בשו"ת דברי חיים (ח"ב סי' ו) שלראות במראה הוא מנהג בורות, וכן הוא בשו"ת דברי יואל (או"ח סי' ד), ובשו"ת חקל יצחק (סי' א) כתב שהגם שעם מראאה הי' יותר ניקל לכוין התפילין, מ"מ אין לשנות ממה שהנהיגו רבותינו זי"ע, וכן בשלחן מלכים (סי' י), מאסף לכל המחנות (סי' כז סקע"ה). והחזון איש זצ"ל לא רצה להסתכל במראה, דעת נוטה (תפילין עמ' קסא הערה תמח), שו"ת אגורה באהלך (ח"א סי' ב) שו"ת דברי שלום (ח"ב סי' ו).

ע' בספר באר משה (ירושלימסקי, מאמר זכרון טוב אות י) שהיו כמה גדולים שהי' להם מראה, להסתכל אם התפילין הוא במקומו הנכון, ועי' ילקוט אוהב ישראל (מנהגים) שהקפיד מאוד שיכוונו לאמצע ממש, ולצורך זה הי' לו מראות מיוחדות בחדרו המיוחד שליד בית מדרשו שבהם הי' מתבונן, ובהוספות לשועה"ר במנהגים (ובשיחות מהריי"ץ ליל פסח תש"ב) מובא שלהרב בעל התניא זי"ע היתה קופסת טאביק מלוטשת והיה מסתכל בה אם התפילין על מקומם, וכן אדמור"י ריזשין נהגו כך (עי' שו"ת אגורה באהלך סי' ב), והגרי"ז מבריסק, (עבודות והנהגות לבית בריסק ח"ג עמ' קפ), וכן החפץ חיים (הליכות יוסף עזרא עמ' שמ), ועי' שו"ת משנה הלכות (ח"ה סי' ח).

3 מ"ב (סי' כה סקט"ז). ובאור צדיקים (תיקון התפילה אות יד) 'ראיתי בכתב בשם הרמב"ן, וגם כתוב כן בשם מהר"י מקראקא ובשם רבו מהר"ח וויטאל ז"ל שמחוייב אדם לומר בכל יום ד' פרשיות של תפילין בעוד התפילין עליו'.

4 מובא בשע"ת (סי' לח סק"ג), וסיים שם בשם מחזיק ברכה דאם א"א לאמרם קודם ברוך שאמר, יאמרם אחר עלינו, קודם שמסיר התפילין. ובבן איש חי (וירא סכ"ה). כף החיים (סי' כה סק"ל).

5 ע' שו"ע (סי' מט) במחצה"ש (סק"א) שמשמע שיש לומר בפנים. ועי' ליקוטי מהרי"ח (סדר הנהגת התפילה דפו"ח עמ' קד) ולענין אם לאמרם בע"פ, אם דאין למחות במי שהפרשיות שגורין בפיו, אך וכו' ובפרט בפרשיות אלו שמחמת שיש בהם איזה שינויים בפרשה שניה מבפרשה ראשונה לזאת מצויה ג"כ טעות'.

6 אכן יש מביאין ראיה ממגילה (יח:) תפילין ומזוזות נכתבות שלא מן הכתב, מאי טעמא מיגרס גריסין, ופירש"י שגורות בפי הכל. ועי' בבית נאמן בישראל (עמ' קעד).

7 ברכות (יד:) 'אמר עולא כל הקורא קריאת שמע בלא תפילין, כאילו מעיד עדות שקר בעצמו אמר רבי חייא בר אבא א"ר יוחנן כאילו הקריב עולה בלא מנחה וזבח בלא נסכים'.

8 מנהג העולם לקרות קרי"ש בלי תפילין, והרה"ק החוזה מלובלין זי"ע אמר לתרץ מנהג העולם דהלא בגמרא אמרו דהוי כאילו הקריב עולה בלי מנחה וקיימא לן מקריב אדם זבחו היום ונסכו למחר, על כן כשקורא קרי"ש אדעתא לחזור ולקרותו אח"כ כשמניח תפילין, דמי למקריב קרבנו היום ונסכיו לאחר זמן ושפיר דמי. אמנם עי' ליקוטי חבר בן חיים קפידת רבו החת"ס זי"ע בזה.

9 שו"ת שבט הלוי (ח"ג סי' ז): 'שכיח דלפעמים נתרופף אחר הנחת תפילין הכריכות של יד ועי"ז תתרופף גם מקום הנוח של היד, בזה נראה דלכו"ע א"צ לסלק של ראש'.

10 מ"ב (סי' כה סקכ"ט).

11 מ"ב (סי' כה סקכ"ח).

12 שו"ע (סי' כה ס"ט).

13 שועה"ר (סי"ג), מ"ב (סקכ"ח).

14 שועה"ר (ס"כ), מ"ב סקכ"ט): 'ולכתחילה אסור להפסיק בשתיקה אם שוהה הרבה שלא לצורך אפי' לא הסיח דעתו, ואפי' לרמז בעיניו ולקרוץ באצבעותיו'.

אבל בדיעבד א"צ לחזור ולברך, כן משמע בשועה"ר (ס"כ) שכתב רק לכתחילה, ובמ"ב (סקכ"ט), וכן הוא בכף החיים (סי' כה סקנ"ז) 'דאין לחוש לסברת הלכות קטנות (שסובר שהוי הפסק) רק לכתחילה, אבל בדיעבד אין לברך'.

15 שו"ת יגל יעקב (או"ח סי' י) באמצע פסוקד"ז וברכת ק"ש שאסור ואין היתר רק אם יתבלבל מתפלתו.

16 שו"ת קנין תורה בהלכה (ח"ו ס"ב).

17 ועי' שו"ת שבט הלוי (ח"ז סי' כ) במי שסיים שמו"ע וחבירו עמד ומתפלל מאחוריו ונפל ספר, באופן שאינו יכול להגביהו רק אם יעבור נגד המתפלל, ופסק שלא יעבור בשביל זה, אלא ימתין עד שחבירו יסיים תפלתו, ואין בזה בזיון כ"כ, כיון דא"א לו להגביהו, וכתב בבית נאמן בישראל (עמ' פט) שה"ה כאן.

אמנם אם נפל הבית הקטן של תפילין של יד והוא רוצה להניחו עתה על התפילין של יד למען שלא יתקלקל ריבוע של תפילין להנוהגים לשלשל הבית יד של כתונת קודם הנחת של ראש למען לא יהי' זרועו מגולה בשעת ברכת של ראש,כתב בויברך דוד (הל' תפילין עמ' מב) דשפיר דמי ואין חשש הפסק.

18 ברכת הבית (שער לח ס"ו) 'לא יהלוך בין תפילין של יד ובין של ראש יותר מב' אמות ובדיעבד כל שהוא בבית אחד לא הוי הפסק', וכף החיים (סי' ח סק"נ וסי' כה סקנ"ט), דרכי חיים ושלום (אות נב), נימוקי או"ח (סי' כה) 'וראיתי לעורר זה לאשר ראיתי כמה ת"ח שהרגל נעשה טבע אצלם בהיותם בעלי מחשבות ובהגמירם הכריכות של יד, יקחו התפילין של ראש וילכו ארבע אמות או יותר בהניחם תש"ר וכו''.

19 מ"ב (סקכ"ט). ובכף החיים (סי' כה סקנ"ט) שזהו רק לכתחילה אבל בדיעבד א"צ לחזור ולברך. אבל הברכת הבית (שער לח ס"ו) סובר דאף בדיעבד אם הלך מחדר לחדר הוי הפסק וצריך לברך שתים ולא מהני דעתו בזה.

# אודה ב

## פרנסי

הרב **משה חיים בערקאוויט**
**טעסלער** שליט"א · הרב **חיים יוח**
**לייבוש מערמעלשטיין** שליט"א
שליט"א · הרב **ישראל הערש ס**
**קלוזש** שליט"א · הרב **משה ש**

## פרנסי

מוה"ר **משולם זושא אונגאר** הי"ו · מוה"ר **יחזקאל**
**אמסעל** הי"ו · מוה"ר **חיים יודא ארגעל** הי"ו · מוה"ר
**יוסף יודא ארי' ארגעל** הי"ו · מוה"ר **מנחם זאב צבי**
**ארענשטיין** הי"ו · מוה"ר **מרדכי הערש בעק** הי"ו · מוה"ר
**אלי' מאיר בר"י גאלדבערגער** הי"ו · מוה"ר **אלי' מאיר**
**ברי"מ גאלדבערגער** הי"ו · מוה"ר **שמואל דוד גוטמאן**
הי"ו · מוה"ר **יואל גליק** הי"ו · מוה"ר **חיים דוב גרינפעלד**
הי"ו · הרב **פנחס ברוך האלפערין** שליט"א · מוה"ר **יעקב**
**שמשון האס** הי"ו · מוה"ר **יואל קלמן הערשקאוויטש**
הי"ו · מוה"ר **ישראל דוד וויינבערגער** הי"ו · מוה"ר **חיים**
**זילבערמאן** הי"ו · מוה"ר **בנימין זאב חסן** הי"ו
· מוה"ר **יעקב יחזקי' טויב** הי"ו · מוה"ר **משה**
**יונגער** הי"ו · מוה"ר **יעקב יוסף כהנא** הי"ו ·
הרה"צ **אלימלך נפתלי הירצקא לאווי**
שליט"א · הרה"ג **שמעון עזריאל לאווי**
שליט"א · מוה"ר **יודא לייב לעפלער**
הי"ו · מוה"ר **יוסף אלימלך מאירוביץ**

## מעמבער

מוה"ר **אברהם משה אייזנער** הי"ו · מוה"ר **יצחק שמעון אסטרייכער** הי"ו · מוה"ר
**משה אסטרייכער** הי"ו · מוה"ר **איתמר ארגעל** הי"ו · מוה"ר **יצחק זאב ארגעל**
הי"ו · מוה"ר **מאיר ארגעל** הי"ו · מוה"ר **שלום יחיאל מיכל ארגעל** הי"ו · מוה"ר
**אהרן הערש בינער** הי"ו · הרה"ג **אלכסנדר בלויא** שליט"א · מוה"ר **שלום בלום**
הי"ו · מוה"ר **יעקב צבי ברוין** הי"ו · מוה"ר **משה מאיר ברוין** הי"ו · מוה"ר **אברהם**
**ברוינער** הי"ו · מוה"ר **אלי' מאיר בר"ס גאלדבערגער** הי"ו · מוה"ר **יואל חיים**
**גאלדבערגער** הי"ו · מוה"ר **יושע גאלדבערגער** הי"ו · הרה"ג **מנחם מענדל**
**גאלדשטיין** שליט"א · הרה"ג **יואל גאנדל** שליט"א · מוה"ר **יואל שרגא גאנדל**
הי"ו · מוה"ר **יואל בר"ל גוטמאן** הי"ו · מוה"ר **יואל בר"ש גוטמאן** הי"ו · מוה"ר **יואל**
**ברי"ז גוטמאן** הי"ו · מוה"ר **יעקב ישראל ברוך גוטמאן** הי"ו · מוה"ר **שלום**
**דוד גוטמאן** הי"ו · מוה"ר **אשר ענזיל גליק** הי"ו · מוה"ר **טובי' גליקמאן** הי"ו ·
מוה"ר **שמואל גרשון גראד** הי"ו · מוה"ר **שלמה גרינבוים** הי"ו · מוה"ר **אהרן**
**אליעזר גרינהוט** הי"ו · מוה"ר **אפרים פישל גרינפעלד** הי"ו · מוה"ר **יצחק**
**נחום האמבורגער** הי"ו · מוה"ר **ארי' הערשקאוויטש** הי"ו · מוה"ר **יואל**
**הערשקאוויטש** הי"ו · מוה"ר **יעקב שאול הערשקאוויטש** הי"ו · מוה"ר
**ישראל הערשקאוויטש** הי"ו · מוה"ר **מנחם מענדל הערשקאוויטש**
הי"ו · מוה"ר **משה יצחק הערשקאוויטש** הי"ו · מוה"ר **נתנאל מאיר**
**הערשקאוויטש** הי"ו · מוה"ר **שמואל זאנוויל הערשקאוויטש** הי"ו
· מוה"ר **דוד יעקב וויינבערגער** הי"ו · מוה"ר **מאיר וויינבערגער** הי"ו
· מוה"ר **יוסף חיים וויינגארטן** הי"ו · מוה"ר **יקותיאל טובי' גדלי'**
**וויינשטאק** הי"ו · מוה"ר **אהרן שלמה ווייס** הי"ו · מוה"ר **יואל ברי"ד**
**ווייס** הי"ו · מוה"ר **יחזקאל ווייס** הי"ו · מוה"ר **יצחק אייזיק ווייס** הי"ו
· מוה"ר **שמואל הערש ווייס** הי"ו · מוה"ר **שמעון ווייס** הי"ו · מוה"ר
**שלמה זאב וועזעל** הי"ו · מוה"ר **אברהם יצחק זוסמאן** הי"ו
· הרב **יעקב זוסמאן** שליט"א · מוה"ר **יודל זילבער** הי"ו · מוה"ר
**ישראל זילבער** הי"ו · מוה"ר **משולם זושא זילבער** הי"ו
· מוה"ר **שמואל שבתי חסן** הי"ו · מוה"ר **יואל טייטלבוים** הי"ו
· מוה"ר **יהוסף טירנויער** הי"ו · הרב **יצחק אייזיק טירנויער**
שליט"א · מוה"ר **יואל יוסף טעללער** הי"ו · מוה"ר **יצחק אייזיק**
**יאקאבאוויטש** הי"ו · מוה"ר **אברהם זאנוויל יונגרייז**
הי"ו · מוה"ר **יעקב דוב כהן** הי"ו · מוה"ר **יואל כהנא** הי"ו
· הרב **אלתר אלכסנדר ליפא לאבין** שליט"א · הרה"צ
**יחזקאל שרגא לאווי** שליט"א · הרה"צ **יעקב לאווי**
שליט"א · הרה"צ **יצחק אייזיק אלכסנדר ליפא לאווי**
שליט"א · הרה"צ **ישראל מרדכי לאווי** שליט"א · הרה"צ
**משה לאווי** שליט"א · הרה"ח **משולם איסר לאווי**
הי"ו · הרב **שמואל לויפער** שליט"א · מוה"ר **אברהם**
**פנחס משה ליימזידער** הי"ו · הרב **איתמר לייפער**
שליט"א · הרה"ג **חיים ברוך יודא לייפער** שליט"א ·
מוה"ר **יואל דויד לייפער** הי"ו · מוה"ר **יצחק לייפער**
הי"ו · הרה"ג **מרדכי לייפער** שליט"א · הרה"ג **אלעזר**
**ליעבערמאן** שליט"א · הרה"ג **שלמה צבי חיים**
**ליעבערמאן** שליט"א · מוה"ר **דוד מרדכי בונם**
**לעבאוויטש** הי"ו · מוה"ר **חיים יעקב מאירוביץ**
הי"ו · מוה"ר **ישעי' נפתלי נטע מאירוביץ** הי"ו
· מוה"ר **שלום מאירוביץ** הי"ו · מוה"ר **שמואל**
**אליעזר מאירוביץ** הי"ו · מוה"ר **שמואל**
**מאיר מאירוביץ** הי"ו · מוה"ר **שמחה ארי'**
**לייב מאירוביץ** הי"ו · הרה"צ **יחיאל מיכל**
**ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א · מוה"ר **דוד**

הננו בזה להביע
רגשי לבבינו ולברך
במזמור לתודה בל"ב
שלם, אל מעלת כבוד
הני אנשי שלומינו אשר
באו לקראתינו במתנת
ידם הטובה בסכומים
אדירים ונכבדים

**לטובת מפעלינו**
**הכביר איחוד תלמידי**
**וחסידי טאהש**

אצל המגבית השנתי

# בלב
# אחד

אשר עבר ב"ה
בהצלחה גדולה
למעלה מן המשוער

המברכים מעומקא דלבא:
**אשר אנשיל בערגער - אהרן אשר יעקב הערשקאוויטש**
בשם הנהלת האיחוד

...כל לבב

## ...החודש

...ש שליט״א · הרב **מאיר יעקב**
...ן כהנא שליט״א · הרב **יצחק יודא**
... · הרב **יואל אלחנן פאפלאנאש**
...פריעדמאן שליט״א · הרב **אב״ד**
...שמואל ראטענשטיין שליט״א

## ...הגליון

הי״ו · מוה״ר **הערש פנחס מאשקאוויטש** הי״ו · מוה״ר
**ישראל אלי׳ ברוך ענגעל** הי״ו · **אב״ד תפלה לדוד**
**פודהייץ** שליט״א · מוה״ר **בנימין פיליפסון** הי״ו · מוה״ר
**אליעזר הערש פישער** הי״ו · מוה״ר **יעקב משה**
**פעקעטע** הי״ו · מוה״ר **חיים יואל פריעדמאן** הי״ו
· מוה״ר **חיים פנחס צוויבעל** הי״ו · מוה״ר **יעקב אליעזר**
**צוויבעל** הי״ו · מוה״ר **אברהם הכהן קרויס** הי״ו · מוה״ר
**אהרן קרויס** הי״ו · מוה״ר **אלימלך בר״א קרויס** הי״ו ·
מוה״ר **אשר ענזיל בר״א קרויס** הי״ו · מוה״ר **חיים זאב**
**דוב קרויס** הי״ו · מוה״ר **יואל בנציון קרויס** הי״ו · מוה״ר
**יואל ברי״א קרויס** הי״ו · מוה״ר **פנחס ארי׳**
**קרויס** הי״ו · מוה״ר **רפאל ארי׳ קרויס** הי״ו
· הרב **אב״ד ראדאשיץ** שליט״א · מוה״ר
**יודא ארי׳ שווארץ** הי״ו · מוה״ר **משה**
**ישעי׳ שווארץ** הי״ו · הרב **אהרן משה**
**יודא שלאגער** שליט״א

## מעמבער

**מאיר מיללער** הי״ו · מוה״ר **אברהם יצחק מערמעלשטיין** הי״ו · מוה״ר **חיים נחום**
**מערמעלשטיין** הי״ו · הרב **יואל ברד״ש מערמעלשטיין** שליט״א · מוה״ר **יוסף**
**יושע מערמעלשטיין** הי״ו · מוה״ר **ישראל נפתלי מערמעלשטיין** הי״ו · הרה״ג
**מרדכי בעריש מערמעלשטיין** שליט״א · הרב **משה יחיאל מערמעלשטיין**
שליט״א · מוה״ר **משולם פייש מערמעלשטיין** הי״ו · מוה״ר **שאול יחזקאל**
**מערמעלשטיין** הי״ו · הרב **יואל זוסמאן מערץ** שליט״א · מוה״ר **ברוך צבי**
**נוסנצווייג** הי״ו · מוה״ר **ברוך אברהם נייהויזער** הי״ו · מוה״ר **מנחם מענדל**
**בר״י ניימאן** הי״ו · מוה״ר **מנחם מענדל ברי״ח ניימאן** הי״ו · מוה״ר **שמואל**
**יעקב ניימאן** הי״ו · מוה״ר **משה שמואל סאמעט** הי״ו · מוה״ר **ישראל זונדל**
**סאנדעל** הי״ו · מוה״ר **משה ברח״ה סטרולאוויטש** הי״ו · הרב **שלמה זלמן**
**עהרענרייך** שליט״א · הרב **אברהם ישעי׳ ענגעל** שליט״א · מוה״ר **מנחם עזרא**
**ענגעל** הי״ו · מוה״ר **יואל פאלקאוויטש** הי״ו · מוה״ר **משה יצחק אליעזר**
**פאפלאנאש** הי״ו · מוה״ר **משה אלי׳ פויגעל** הי״ו · הרה״ג **יואל פילאפף**
שליט״א · מוה״ר **בעריש פיקסלער** הי״ו · הרב **אפרים יואל פיש** שליט״א ·
הרה״צ **יצחק אייזיק פיש** שליט״א · הרה״צ **מרדכי יודא פיש** שליט״א · מוה״ר
**יודא לייב פישער** הי״ו · מוה״ר **מאיר יצחק פישער** הי״ו · מוה״ר **איתמר**
**פעלבערבוים** הי״ו · מוה״ר **ישראל מרדכי פעלבערבוים** הי״ו · מוה״ר
**זאב פעלדמאן** הי״ו · מוה״ר **יוסף בעריש פעקעטע** הי״ו · מוה״ר **משה**
**אליעזר פרושינובסקי** הי״ו · מוה״ר **משה בצלאל פרידריך** הי״ו
· מוה״ר **יחיאל מיכל פריעד** הי״ו · מוה״ר **עזריאל ברוך פריעד** הי״ו
· מוה״ר **שמעון פריעדלענדער** הי״ו · מוה״ר **יואל פריעדמאן** הי״ו
· מוה״ר **משה מרדכי פריעדמאן** הי״ו · הרה״צ **שמואל פריעדמאן**
שליט״א · מוה״ר **משולם חיים דוב קאהן** הי״ו · מוה״ר **אלעזר קליין**
הי״ו · מוה״ר **משה יוסף קליין** הי״ו · מוה״ר **אברהם יושע קרויס**
הי״ו · מוה״ר **אהרן ברד״מ קרויס** הי״ו · מוה״ר **אהרן מיכאל**
**גבריאל קרויס** הי״ו · מוה״ר **אלימלך ברה״ל קרויס** הי״ו
· מוה״ר **אליעזר דוד קרויס** הי״ו · מוה״ר **אשר ענזיל ברי״ח**
**קרויס** הי״ו · מוה״ר **זאב דוב קרויס** הי״ו · מוה״ר **יואל בהר״א**
**קרויס** הי״ו · מוה״ר **יודא לייב קרויס** הי״ו · מוה״ר **יוסף חיים**
**קרויס** הי״ו · מוה״ר **ישעי׳ יואל קרויס** הי״ו · מוה״ר **ישראל**
**ברנצ״ח קרויס** הי״ו · מוה״ר **ישראל מרדכי קרויס** הי״ו ·
מוה״ר **משה ארי׳ קרויס** הי״ו · מוה״ר **משולם איסר קרויס**
הי״ו · מוה״ר **עמרם קרויס** הי״ו · מוה״ר **שמואל מאיר**
**קרויס** הי״ו · מוה״ר **שמואל צבי קרויס** הי״ו · הרה״ג **יואל**
**ראזענבערגער** שליט״א · מוה״ר **אלימלך ראזענצווייג**
הי״ו · מוה״ר **אלעזר ראטענשטיין** הי״ו · מוה״ר **משה**
**ראטמאן** הי״ו · מוה״ר **יהוסף צבי ראטענבערג** הי״ו
· מוה״ר **שמעון ראטענשטיין** הי״ו · הרה״ג **יעקב יואל**
**רובין** שליט״א · מוה״ר **משה חיים שלום אלעזר**
**רובין** הי״ו · מוה״ר **אברהם לייב שווארץ** הי״ו · מוה״ר
**אשר מרדכי שווארץ** הי״ו · מוה״ר **יואל סג״ל**
**שווארץ** הי״ו · הרה״ח **יואל׳יש שווארץ** הי״ו · מוה״ר
**יצחק שמואל שווארץ** הי״ו · הרב **מאיר בר״י**
**שווארץ** שליט״א · מוה״ר **מאיר סג״ל שווארץ**
הי״ו · מוה״ר **משה אלי׳ יוסף שטיינבערג** הי״ו
· מוה״ר **ישעי׳ שטערן** הי״ו · מוה״ר **יעקב יואל**
**שיליץ** הי״ו · מוה״ר **יעקב יושע שלעזינגער**
הי״ו · מוה״ר **אלי׳ שפיטצער** הי״ו · מוה״ר **דוד**
**יודא שפיטצער** הי״ו · מוה״ר **מרדכי ארי׳**
**שפיטצער** הי״ו ·

# אשריכם ואשרי חלקיכם

זכות המצוה יגן עליכם ועל בניכם, וברכת רביה״ק זי״ע ילוה לכם כל ימי חייכם, עדי נזכה לביאת משיח צדקנו, ומלכנו כ״ק מרן רבינו שליט״א בראשינו, במהרה בימינו אמן.

פרישע
אנטוויקלונגען
זענען אויפן
וועג...
**א דאנק אייך!**

גליון באור החיים - להתאחד בחורי אנ״ש
קול איחוד טאהש - חברה ש״ס - מתאחדת בלעטל
טעלעפאון ביכל - פרנסה ביחד

# מאַנ"ש לאַנ"ש

בריוון און מעסעדזשעס
פון אנשי שלומינו צו אנשי שלומינו

איבערצוגעבן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף **פאסט**
11 Van Buren Dr. #205
Monroe, NY 10950

שיקט א **פעקס**
877.760.0544

לאזט א מעסעדזש אויף **קול איחוד**
718.451.8674
Ext. 841

וויבאלד עס נעמט צייט צו מגיה זיין די בריוון אין דעם אפטיילונג כראוי, ביטע אנטשולדיגן אויב זעהט איר נאך נישט גלייך אייער מעסעדזש אדער בריוו אינעם מדור.

## די גרויסע כח התשובה – דער מלאך המזיק ווערט דער מציל ומושיע

איך וויל זיך באדאנקן פאר די מערכת האיחוד, פאר די הערליכע נייע אפטיילונגען ביי התאחדות מעמבער ווינקל אויפן קול איחוד. בפרט האב איך זייער הנאה געהאט פון דעם שיינעם שמועס פון הרה"ח ר' שלום יחיאל מיכל ארגעלר הי"ו די ערשטע אין די סעריע וואס וועט האפנטליך ממשיך זיין יעדע וואך.

איך האב זיך דערמאנט א מורא'דיגע ווארט וואס איך האב געהערט א צייט צוריק פון ר' שלום מיכל וואס ער האט געהערט פון הייליגן רבין זי"ע, וואס האט א שייכות מיט די פרשה פאריגע וואך ויגש, וועל איך עס דא מיטטיילן מיטן ציבור קוראי הגליון.

דער הייליגער רבי זי"ע האט אמאל געשמועסט מיט די בחורים אום פרשת ויגש, האט דער רבי געזאגט פאר די בחורים, אז מ'זעהט אין די וואכעדיגע פרשה ווי יהודה קומט צו יוסף, און ס'זעהט אויס ווי ער איז געווען זייער פארזיכערט אז ער וועט מנצח זיין, פון וואו איז יהודה געווען אזוי זיכער, אפשר וועט יוסף געווונען.

האט דער הייליגער רבי נאכגעזאגט וואס עס שטייט אין הייליגן בני יששכר, אז עס ווערט געברענגט אז דער ארון און די שברי לוחות פלעגן גיין פאראויס פון די אידן. לכאורה פרעגט דער בני יששכר, אז די שברי לוחות דערמאנט דאך די חטא העגל, פארוואס איז דאס געגאנגען פאראויס. נאר זאגט דער בני יששכר, אז ווען א מענטש טוט אן עבירה ווערט באשאפן א מזיק, אויב אבער טוט ער תשובה, דער מזיק בלייבט טאקע, אבער עס ווערט איבערגעדרייט צו זיין שומר, דער מלאך המזיק אליינס טוט אים אפהיטן ווען איינער וויל אים שעדיגן און פון אלעם שלעכטס. ממילא, די אידן האבן דאך געהאט דער ביטערער חטא העגל, אבער היות מ'האט תשובה געטוהן, איז פארקערט, די שברי לוחות האט זיי גאר אפגעהיטן, דאס האט זיי אויסגעטרעטן די וועג.

האט דער רבי געזאגט פאר די בחורים, אז דאס איז געווען יהודה'ס כח, יהודה האט געזאגט אז אלע אנדערע שבטים, קיינער האט נישט געטוהן קיין עבירות, ממילא האבן זיי נישט אזא כח, ער האט אבער כפי מדריגתו יא געהאט א געוויסע פגם פון די מעשה פון תמר, ממילא אז ער האט תשובה געטוהן האט ער די מזיק וואס וועט אים גאר צוהעלפן, ממילא איז ער געווען זיכער אז מיט דעם מזיק וועט ער קענען בייקומען יוסף.

האט דער הייליגער רבי אויסגעפירט, אז טאמער מען ווערט ליידער אמאל נכשל מיט אן עבירה, דאס איז זיכער אז מ'טאר נישט זיין צובראכן, אבער ס'איז נאכמער פון דעם, אויב טוט ער תשובה האט ער באקומען א מזיק וואס זאל זיך אננעמען פאר אים, און זאל אים אפהיטן פון אלעם שלעכטן און פון אלע שונאים.

זאל דער אייבערשטער טאקע העלפן, ס'זאל זיין המלאך הגואל אותי מכל רע, יברך את הנערים, ויקרא בהם שמי, ושם אבותי אברהם ויצחק, וידגו לרוב בקרב הארץ. מיט אלע גוטע השפעות.

יואל פרידמאן, טאהש

## וויאזוי מרן רביה"ק זי"ע פלעגט צוגרייטן די שבת ליכט

שטייענדיג נאך חנוכה ווען איבעראל איז געווען ארויסגעלייגט מודעות פון מצילי אש און אין קריתינו הק' דורך חברה שומרים, אז מ'זאל אבאכט געבן די מנורה פון שריפות וכדו', האב איך זיך דערמאנט פון ווען איך בין געווען א הויז בחור, ווי דער הייליגער רבי זי"ע האט אכט געגעבן די לעכט בשמירה יתירה.

איך געדענק יענע יארן, ווען די רביצין ע"ה איז שוין נישט געווען געזונט, און זי פלעגט אסאך נישט זיין אינדערהיים לצורך רפואה, פלעגט דער הייליגער רבי צינדן די שבת ליכט ביי זיך אין צימער, און אין בית המדרש הגדול פלעגט א בחור צינדן די ליכט, אז ס'זאל זיין דארט פארן שלחן הטהור.

דער רבי פלעגט אליינס אפברענען די ליכט וואס ער האט געצינדן, און די הויז בחור פלעגט עס דערנאך אריינקלעבן אינעם האלטער אין די לייכטער. געווענליך קלעבט מען אריין די ליכט דורך צולאזן אביסל פון די וואקס פון אונטן אז ס'זאל זיך גוט האלטן, אבער ווען ס'איז געקומען יום טוב קוקט אויס אז דער רבי האט געהאלטן אז ס'איז נישט אזוי אויסגעהאלטן עס צו טוהן, האט דער רבי מיר געזאגט אז איך זאל נעמען האניג און אנשמירן אונטער די ליכט, פאר א גוטע פאטענ"ט וואס מ'קען טוהן אז די ליכט זאלן זיך גוט האלטן.

דער הייליגער רבי פלעגט אבער נאך אלץ זיכער מאכן יעדן

שבת, אז ווי מער פון די טיש ארום די ליכט איז גוט צוגעדעקט מיט זילבער פאפיר משום זהירות, אז טאמער ח"ו די ליכט פאלן אראפ זאל עס נישט צוקומען צו קיין סכנה.

בכבוד רב

דניאל הילל פיליפסון, מאנסי

## די סגולה ארבעט!! – אז די פרוי גייט נישט אליינס טראגט מען איר אוועק...

עס האט פארציילט הרה"ג ר' אלימלך לאוומן שליט"א מגי"ש ומשפיע בישיבתינו הק' ישיבה גדולה בקריתינו הק', אז א בחור פון מאנטריאל האט אים פארציילט זיין איבערלעבעניש מיט די וואונדערליכע סגולה אויפן פליגער פון הייליגן רבי'ן זי"ע נישט צו זיצן נעבן א פרוי.

דערציילט דער בחור, אז ער איז געקומען צו פארן לעצטנס פון אנטווערפן מיטן פליגער קיין מאנטריאל, און ביים זיך באקוועם מאכן אויף זיין זיץ אויפן פליגער, האט ער געזעהן אז זיין פלאץ קומט אויס נעבן צוויי פרויען, און נאכן זיך איינבעטן האבן אים די מאנשאפט נישט געקענט העלפן זאגנדיג אז ס'איז נישטא קיין איין ליידיגע זיץ אין אקאנעמי.

דער בחור האט קודם פרובירט צו בלייבן שטיין, אבער נישט האבנדיג קיין ברירה האט ער זיך אראפגעזעצט, און מיט צוגעמאכטע אויגן געזאגט דעם פסוק **"חונה מלאך ה' סביב ליראיו ויחלצם"**, איין מאל און נאכאמאל, האבנדיג געהאט געהערט די סגולה וואס איז געווען פארשפרייט דא אינעם גליון, בשם רביה"ק זי"ע.

ווי וואונדערליך עס הערט זיך, איז דאס געווען די מעשה, אז ווען די פליגער איז ארויפגעפארן אויפן ראנוועי, קורץ דערנאך האט איין פרוי אין די זייט אנגעפאנגען שטארק צו ברעכן און זיך נישט גוט פילן, און מ'האט אויסגערופן ווער ס'איז אן EMT אדער פראמעדיק זאל אהין קומען. איז געקומען צו גיין אן אונגארישע גוי פון ערשטע קלאס און גלייך געזאגט אז מ'דארף דעם פאציענט אויסלייגן אויפן ערד, ממילא האט מען איר אוועקגעטראגן פון דארט, האט ער געהאט פריי די קומענדיגע זיץ ביי די עק, פאר די איבריגע חלק פונעם נסיעה.

סגולתו בקהל חסידים! זכותו יגן עלינו!

תלמיד ישיבה גדולה בצילא דמהימנותא קדישא



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| י"ז טבת | הרה"ק רבי ארי' לייבוש בן רבי חיים זי"ע - ארי' דבי עילאי | תר"ו |
| י"ז טבת | הרה"ק רבי יעקב בן רבי זאב זי"ע - המגיד מ'דובנא | תקס"ה |
| י"ח טבת | הרה"צ רבי מרדכי בן רביה"ק מרן משולם פייש סג"ל זצ"ל | תשנ"ח |
| י"ח טבת | הרה"ק רבי צבי אלימלך בן רבי פסח זי"ע - מ'דינוב - בני יששכר | תר"א |
| י"ט טבת | הרה"ק רבי אלימלך בן רבי מנחם יששכר זי"ע - מ'רודניק | תר"ט |
| כ' טבת | הרה"ק רבי יעקב בן רבי נפתלי צבי זי"ע - מ'מעליץ | תרל"ט |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ט"ז טבת | הרב החסיד ר' מאיר בן ר' שלום ז"ל פעקעטע | תשע"ב | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| י"ח טבת | האשה החשובה מרת יוטא בת ר' נחום ע"ה שווארץ | תש"ע | ביה"ח בקרית יואל |
| כ' טבת | הרב החסיד ר' גרשון יוסף דוד בן ר' נתן ע"ה מארטין | תשפ"ד | ביה"ח דקריתינו הקדושה |

# במקהלות

נייעס, באריכטן
און אנטוויקלונגען,
אינערהאלב
**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**
צווישן מקהלת אנשי
שלומינו ברחבי תבל

ישיבה גדולה אור החיים - קרית טאהש:

## הערליכע דרשה ליל ניטל בהיכל הישיבה

די פארגאנגענע ליל ניטל, איז פארגעקומען א ספעציעלע דרשה בהיכל הישיבה, דורך האי ידען נפלא הרה"ח ר' בערל וויינבערגער הי"ו פון מאנטריאל, וועלכע האט בצויבערט די תלמידים מיט הערליכע ידיעות און פלאות.

די בעל דרשן האט במשך זיין דרשה ארומגערעדט פארשידענע ידיעות פון די מהלך החמה והלבנה, און אויך פארציילט שטוינענדע געשיכטעס און היסטאריע אלעס ארום די שוידערליכע צווייטע וועלט מלחמה, פון וואס די תלמידים האבן זייער הנאה געהאט און קונה געווען גאר טרעפליכע ידיעות.

*

## תלמידי הישיבה גרייטן זיך צום דערהויבענע שבת התוועדות 'חבותא קדישתא'

מיט א פלאם און פייער בקדושת השבת גרייטן זיך די תלמידי הישיבה, צום געפלאנטען דערהויבענעם שבת התוועדות וועלכע עס וועט פארקומען אין א אפגעזינדערטע ארט דעם קומענדיגען שב"ק פר' וארא, ווי מ'וועט פראווענען א שבת בצוותא חדא אויף א דערהויבענעם פארנעם, אינאיינעם מיט די חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א.

דער שבת וועט זיין איין שטיק חטיבה אחת פון חיזוק התעוררות און א פלאם בקדושת השבת, אבער איינע פון די גאר שטארקע צילן פון די דערהויבענעם שבת איז געוויס צו מחזק זיין די פולע חבורות וועלכע עס פארקערפערן בין כולי הישיבה, פארשידענע חבורות יעדע איינע מיט זיין ציל זיך צו משלים זיין מיט נאך מסכתות הש"ס מיט נאך מקצועות הלכה, איבער'חזר'ן די אלטע לימודי הישיבה, אלעס אין פארשידענע פריוואטע צייטן שלא בסדרי הישיבה, און די שבת וועט אוודאי ארייגבלאזן א גייסט פול מיט חיות ווייטער אנצוגיין ביתר שאת וביתר עוז.

אינערהאלב די נייע פראיעקט פון חבורת אזמר בשבחין - וועלכע עס ווערט אנגעפירט דורך עטליכע תלמידי הישיבה, און עס ווערט כסדר אויסגעלערנט הערליכע ניגונים פון די אלטע היים, גרייט מען זיך ספעציעל צו דעם שבת המרומם ווי מ'לערנט זיך אויס א רייע פון הערליכע געקליבענע ניגוני שבת, וואס מ'וועט אינאיינעם זינגען ביי די באטע ליל שב"ק, און ביי פארשידענע געלעגנהייטן במשך דעם שב"ק.

עקסטער קוקן די תלמידים ארויס אויף די מכירת העליות וזכותים במשך דעם שבת וועלכע עס וועט פארקויפט ווערן פאר טויזנטער בלעטער תורה.

*

## תלמידי שיעור ג' לערנען מיט א עמקות די שווערע סוגיא פון הל' ריאה ואונותיה אין הל' טריפות

די לעצטע 2 וואכן טוט זיך א ריתחא דאוריתא צווישן די תלמידי שיעור ג', בעת מען לערנט יעצט די שווערע און טיפזינגע סוגיא פון הל' ריאה ואונותיה וואס די הלכות זענען זייער פארצווייגט, און ווי צוגעוואינט בעת מען לערנט די הלכות זענען דא פיל ספרים און בילדער וועלכע זענען מבאר די סוגיא צו פארשטיין קלאר די מציאות, איז אבער אנדערש ביי די סוגיא, אז עס זענען נישט פאראן קלארע הסברים דערויף, און עס איז זייער שווער געווען ביים לערנען צו פארשטיין די מציאות אין די לימודים.

האלטענדיג פאר די אויגן די ציל פון לערנען די הלכות אויף א אופן לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא און עס פארשטיין עד הסוף, האט די געטרייע הנהלת הישיבה אריינגעלייגט גרויסע כוחות צו באקומען א ריאה, און א דאנק די השתדלות פונעם חשוב'ן בודק הרה"ג ר' יוסף אשר געלב שליט"א, איז געלונגען צו צייגן פאר די תלמידים א עכטע ריאה, און בהשגחה פרטית האט די ריאה געהאט פארשידענע הלכה'דיגע פראבלעמען, וואס דאס האט שטארק ארויסגעהאלפן זיך צו דערקענען לעבעדיגערהייט מיט די הלכות וואס מ'לערנט, און גרינטליך ארויסהאבן די הלכה למעשה.

ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ד'טאהש - קרית יואל:

## העכסט סוקסעספולע 'אסיפת הורים' פארגעקומען פאר הורי תלמידי 'ישיבה קטנה תפארת משולם פייש

# ד'טאהש' אין קרית יואל

דעם פארגאנגענעם זונטאג פ' ויחי, לסדר האספו ואגידה לכם העעל"ט, איז פארגעקומען א געלונגענע 'אסיפת הורים' פאר די חשובע עלטערן פון תלמידי ישיבתינו הקדושה 'ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ד'טאהש' אין קרית יואל.

עס האט אויפגעטרעטן דער מנהל הרה"ג רבי מנחם מענדל סג"ל גאלדשטיין שליט"א וועלכער האט ארויסגעברענגט דאס חשיבות פון די חשובע עלטערן וועלכע געבן אוועק פון זייערע טייערע צייט לתועלת זייערע חשובע בחורים, און דאס איז א געוואלדיגע זאך וואו די בחורים האלטן מיט, אז זייערע חשוב'ע עלטערן געבן אוועק פון זייערע פארנומענע עסקים פאר זייער טובה.

דערנאך די געוואלדיגע שבח פון דעם אויסערגעווענליכע מקום תורה מיוחד וועלכע איז נתייסד געווארן דורך רבינו שליט"א לשמו ולזכרו ועפ"י דרכו פון רבינו הקדוש זי"ע, און מ'זעהט מדי יום ביומו די שטארקע סייעתא דשמיא וואס באגלייט די הייליגע ישיבה.

באזונדער האט דער מנהל אויסגערימט די זכי' פון האבן אזעלכע גאר חשוב'ע מגידי שיעורים תלמידי חכמים מופלגים יראתם קודמת לחכמתם, וועלכע געבן זיך אוועק כל כולו פאר די טייערע תלמידים. און האט בתוך דבריו באטאנט די געוואלדיגע אחריות פון די עלטערן צו שטיין בקשר מיט זייערע שותפים די מגידי שיעור מיט א שטארקע צוזאמענארבעט לטובת זייערע קינדער, זיי צו קענען ריכטיג באגלייטן בסולם העולה בית קל.

אויך האט דער מנהל שליט"א ארויסגעברענגט גאר וויכטיגע נקודות און ידיעות וואס איז נוגע פארן יעדע טאטע, פון וואס אלע עלטערן האבן הנאה געהאט.

נאכ'ן דרשה איז געווען א געלעגנהייט זיך צו פערזענדליך באקענען מיט די מגידי שיעור, און אנקניפן א קשר מיט די חשובע מרביצי תורה לתועלת די בחורי הישיבה.

די עלטערן זענען ארויס פון התפעלות פון דעם שיינעם הצלחה'דיגן מעמד בפרטיות און פון די ישיבה בכלליות.

*

## הערליכע דרשות לכבוד עשרה בטבת בהיכל הישיבה

דעם דינסטאג עשרה בטבת נאכמיטאג העעל"ט איז פארגעקומען גאר הערליכע תוכן'פולע דרשות בהיכל הישיבה, צום ערשט האט אויפגעטרעטן דער חשובער ר"מ ומשפיע הרה"ג רבי מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א בענינא דיומא.

שפעטער האט אויפגעטרעטן דער מנהל שליט"א, וועלכער האט געברענגט א לעבעדיגן גריס פון די חשובע עלטערן, און ארויסגעברענגט פאר די בחורים וואו שטארק די עלטערן געבן זיך איבער פאר די קינדער, און וואו אלע עלטערן זענען אינטערעסירט אין די תכלית פון די בחורים וכו'.

פאר תפלת מנחה האט דער חשובער ר"מ הרה"ג רבי יואל גאנדעל שליט"א א לענגערע צייט ארומגערעדט בענינא דיומא.

וזכנו לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות.

תלמוד תורה עטרת משולם פייש - מאנסי:

# מעמד נהדר אמה של מלכות

א גאר הערליכע מעמד 'אמה של מלכות' איז פארגעקומען דעם פארגאנגענעם זונטאג בקרב מוסדותינו תלמוד תורה עבודת משולם פייש אין שטאט מאנסי.

די מעמד איז געווען געאייגנט ספעציעל פאר די חשובע מאמע'ס הורי המוסדות, ווי אויך האט באשיינט די מעמד די חשובע פרויען די ב"ב פון די מלמדי הת"ת, וואס זענען ארויסגעהויבן געווארן אין זייער ראלע פון זיין א גלייכע טייל אין די עבודת הקודש פון זייערע מענער. ובראשם הרבנית הצדיקת תליט"א, אש"ח פון הגה"צ אב"ד דקהלתינו הק' מאנסי שליט"א, העומד בראש מוסדותינו.

די מעמד איז פארגעקומען ברוב פאר והדר אין די בנין התלמוד תורה, ווי די בנין איז געווען הערליך שיין אויסגערישט ווי עס פאסט זיך פאר אזא חשוב'ע אוונט.

צום ערשט איז געווען א געלעגנהייט פאר די חשוב'ע עלטערן זיך אביסל ארום דרייען און צוזעהן פון דער נאנט די הייליגע אימפעריע, ווי די לעכטיגע קינדערלעך שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים, און ווי אויך זיך אביסל באקענען איינער מיט'ן אנדערן, נאכדעם וואס די קינדער פארברענגען א גאנצן טאג בשבת אחים גם יחד.

דערנאך איז מען אריין אינעם עס זאל, ווי עס איז געווען הערליך שיין צוגערישט אויף א מלכות'דיגן פארנעם. דא דארף ארויסגעברענגט ווערן, די ווארעמקייט וואס האט זיך אנגעזעהן במשכ'ן זיך גרייטן צום מעמד, ווען יעדער איינער איז געווען גרייט ארויסצוהעלפן בסבר פנים יפות מיט אלעס וואס מען דארף להצלחת המעמד.

די מעמד איז ב"ה פארריבער גאר שיין און דערהויבן, ווי מען האט געהערט רייכע דרשות מלא תוכן פון אויסגערופענע בעלי דרשניות, וואס כולם פה אחד האבן ארויסגעברענגט די זכי' וואס מיר האבן אז אונזערע קינדער לערנען אין די הייליגע טאהש'ע חדר, די הייליגע תלמוד תורה וואס טראגט די נאמען פון רבינו הקדוש זי"ע, און די קינדערלעך ווערן נתחנך אויפן הייליגן וועג וואס רביה"ק זי"ע האט אונז אויסגעלערנט און מחנך געווען, מיט אזעלכע אויסגערופענע מחנכים און מלמדים.

במשך די פראגראם איז אויך פארגעקומען א שיינע פאנעל מיט עטליכע חשובע מאמע'ס הורי המוסדות, מיט שאלות ותשובות בעניני חינוך וויאזוי מ'לייגט אריין די ריכטיגע השקפה אין די קינדער בעניני שבת, כיבוד אב ואם, און פיל נאך.

לכבוד די מעמד איז ארויסגעקומען א גאר אינהאלטסרייכע בראשור 'די שטאלץ פונעם מוסדות', וואס באשרייבט גאר שיין די התייסדות קהילתינו ומוסדותינו אלוועלטליך, ובפרט קהילתינו ומוסדותינו מאנסי, און נאך גאר רייכע ארטיקלן.

צום סוף פון די מעמד איז פראקלאמירט געווארן א קאמפיין וואס וועט לויפן די קומענדיגע וואכן ביז ר"ח שבט, וואס די מאמעס וועלן ארויסהעלפן שאפן נדבות פאר די הייליגע מוסדות דורכן ארומרופן שכנים קרובים און גוטע פריינד, און עס וועט פארקומען רייכע גורלות ביים סוף פון די קאמפיין פאר די אלע וואס האבן אנטייל גענומען, און אזוי אויך הערליכע מתנות פאר די חשובע עלטערן וואס וועלן אריינברענגען שיינע סכומים פארן תלמוד תורה

עס איז צום האפן אז די חשוב'ע עלטערן זאלן האבן ארויסגענומען גאר אסאך חיזוק צו אנגיין ווייטער מיט די עבודת הקודש.




# תלמידי ישיבתינו הק' אונטערן רישומא קדישא פונעם דאפלטן דערהויבענע באזוך פונעם ריש מתיבתא קדישא כ"ק מרן רבינו עטת"ר שליט"א בקרית הישיבות בניו יארק

באזוך פארגעקומען אין די ליכטיגע ימי אורה פון יו"ט חנוכה - תפלת מנחה וערבית בראשות רבינו שליט"א מאנטאג אויפדערנאכט בבנין ישיבה גדולה - פייערדיגע תפלת שחרית בבנין ישיבה קטנה - מסיבת לחיים ודברות קודש וחלוקת מטבעות לתלמידי הישיבות בקרית הישיבות - ניו יארק

מאנטאג נאכמיטאג יום א' דחנוכה העעל"ט האט דער חשובער מנהל שליט"א געמאלדן די בשורה טובה אז רבינו שליט"א וועט דאווענען אין ישיבה תפלת מנחה וערבית.

רבינו שליט"א איז געקומען קיין ניו יארק צוליב די הדלקת הנרות ושמחת התנאים לבת הגה"צ אבד"ק קהילתינו הק' מאנסי ור"מ בישיבה קטנה שליט"א. רבינו שליט"א איז אנגעקומען פארנאכט'ס, מען האט זיך גלייך געשטעלט תפלת מנחה. צום עמוד איז צוגעגאנגען הבה"ח יושע זעליג סג"ל גאלדשטיין ני"ו.

נאך מנחה זענען אלע בחורים אריבערגעגאנגען געבן שלום, און דערנאך האט געצינדן די מנורה הבה"ח יצחק בנימין ניימאן ני"ו, און מען האט געדאווענט תפלת מעריב. צום עמוד איז צוגעגאנגען הבה"ח שמחה אלעזר טייטלבוים ני"ו.

נאכן געזעגענען אידן להיפקד בדבר ישועה ורחמים, איז דער רבי געגאנגען אין ישיבה מקוה, און זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג קיין מאנסי צום מעמד הדלקת נר ב' דחנוכה.

אויפצומארגענס אין א פריע שעה האט מען מקבל געווען את פני הקודש, און מ'האט זיך געגרייט צום דאווענען, די דאווענען איז געווען בבנין ישיב"ק וואו תלמידי ישיבתינו הק' האבן מיטגעדאווענט נעבן רבינו שליט"א.

די דאווענען איז געווען מיט א קאך און פלאם. צום עמוד איז צוגעגאנגען הבה"ח שמואל מאיר לייפער ני"ו. רבינו שליט"א איז צוגעגאנגען צו הלל, פתיחת הארון איז געווען דער בעל תפלה, בעל קורא הבה"ח צבי הירש קרויס ני"ו מתלמידי ישיב"ק, כהן - הגה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן ור"מ ישיבה גדולה אוה"ח, לוי - כ"ק מרן רבינו עטרת ראשינו שלט"א, שלישי - הרה"ח ר' ראובן מנחם שווארץ הי"ו משב"ק, הגבה הבה"ח אלימלך סג"ל שווארטץ ני"ו מתלמידי ישיב"ק, גלילה - הבה"ח שמואל צבי פרידמאן ני"ו מתלמידי ישיב"ק.

נאכ'ן דאווענען איז פארגעקומען א דערהויבענע מסיבת לחיים בראשות ה'ריש מתיבתא קדישא מרן רבינו שליט"א, און די מנהלים ורמ"י הישיבה שליט"א.

רבינו שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט דברות קודש והדרכה להתחזק בתורה עבודה ומדות טובות, ובפרט אין די הייליגע לעכטיגע ימי האורה. ארויסברענגענדיג די געוואלדיגע הנאה וואס ער האט געהאט פון די דאווענען אין ישיבה, און ווי שטארק ער האט הנאה געהאט פון די אחדות צווישן בחורי ישיב"ק און די ישיב"ג, און ארויסגעברענגט אז אונז זענען אלע תלמידים פון רביה"ק זצוק"ל וואס אונז גייען אויף די הייליגע וועג, און אז די ישיב"ג איז יסוד שביסוד פון מוסדות טאהש בניו יארק, און דער רבי האט אויסגעפירט מיט ברכות קודש לרוב.

נאכן זינגען עטליכע ווארימע ניגונים, האט דער רבי געמאכט א לחיים און געוואונטשן פאר'ן אלע בחורים באזונדער במאור פניו, און די תלמידים זענען אריבער צו וואונטשן לחיים, און מקבל זיין די מטבעות קודש, קודם די תלמידי הישיבה גדולה, און דערנאך די תלמידי הישיב"ק, נאכדעם האט מען ארויס באגלייט רבינו שליט"א בשירה ובזמרה.

רבינו שליט"א איז צוגעפארן צום דערנעבנדיגן שטח הבניה פון די נייע פראכטפולע בנין ישיבתינו הקדושה ההולך ונבנה מיט א שנעלע אימפעט און טעמפאו בשעטומ"צ.

כי אורך ימים ושנות חיים, יוסיפו לך.

# פעסטע חזרה קאך נעמט איבער די ישיבה ביי אלע 4 שיעורי הישיבה

## שיעור עיון חזרה אויף די ערשטע סוגיא פון פרק שנים אוחזין ממסכת בבא מציעא - גאנץ סימן שי"ט הלכות בורר ווערט גע'חזר'ט כדי שתהא כמונח בקופסא - פיר שעה רצופות ביים שיעור פשוט חזרה - געענדיגט פרק השוכר את האומנין ביי שיעור בקיאות מיט א פעסטע חזרה עס קונה צו זיין - די בחורים ענטפערן ב"ה אלע בחינות בטוטו"ד

אין די פארגאנגענע וואכן איז פארגעקומען א מאסיווע פלאם פייער פון חזרה, איבערצו'חזר'ן און קונה צו זיין די לימודים וואס מ'האט געלערנט פון אנפאנג יאר ביי אלע שיעורים.

ביי שיעור עיון האט מען פלייסיג איבערגע'חזר'ט די ערשטע סוגיא פון פרק שנים אוחזין וואו עס איז נאכדעם געווען א בחינה, באגלייט דורכ'ן געטרייען מגי"ש הרה"ג ר' יואל גאנדעל שליט"א, וועלכער האט מיט זיין שטארקן כח ההסבר זיכער געמאכט אז יעדע בחור קען די סוגיא ישר והפוך.

ביים שיעור שולחן ערוך האט מען איבערגע'חזר'ט דעם ערשטע סימן וואס מ'האט געלערנט היי יאר, סימן שי"ט מהלכות שבת - הלכות בורר, הלכות וואס זענען נוגע יעדע וואך שב"ק, דער שיעור שולחן ערוך ווערט פארגעלערנט און פערזענליך באגלייט דורכ'ן מגי"ש הגאון המפורסם דומ"ץ דקהילתינו הק' קרית יואל שליט"א וועלכער האט זיכער געמאכט אז יעדע בחור פארשטייט און קען דעם סימן מיט א קלארקייט. נוצר תאנה יאכל פריו ווען בימי החנוכה איז געווען די בחינה בכתב וואו ס'האט זיך אנגעזעהן די יגיעה פון די בחורים וואס האבן געענטפערט די שאלות בטוב טעם ודעת.

ביי שיעור פשוט איז געווען חזרה אויף די ערשטע פינף בלאט פון פרק הזהב ממסכת בבא מציעא וואו דער מגי"ש הרה"צ ר' יצחק אייזיק סג"ל שליט"א בן רבינו שליט"א האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות אז יעדער זאל קענען די פינף בלאט שקלא וטריא.

אין די לעצטע טאג פון די חזרה איז געווען א מחזה הוד צו זעהן ווי די בחורים זענען זיך מייגע, און הארעווען דורכאויס פיר שעה רצופות צו קונה זיין די פיר בלאט, און נאכדעם האט מען זיך פארהערט ביים מגי"ש שליט"א.

ביי שיעור בקיאות האט מען אין די יעצטיגע טעג געענדיגט פרק השוכר את האומנין, און זיך געשטעלט על כור המבחן דערויף, און מ'האט אנגעהויבן די קומענדיגע פרק השוכר את הפועלים.

דער קאך און פלאם האלט ווייטער אן, און מ'גייט ווייטער בהתמדת התורה מיט א שטארקייט ביתר שאת וביתר עוז.

ובתורתו יהגה יומם ולילה.

# הערליכע מסיבת שבע ברכות לכבוד השמחה בבית הגאון דומ"ץ דקהילתינו הק' ק"י ור"מ בישיבתינו הק' שליט"א

דעם פארלאפענעם דאנערשטאג ויחי העעל"ט אויפדערנאכט נאך תפלת מנחה, האט מען זיך געוואשן צו א שיינע סעודת שבע ברכות, לכבוד דעם חשובן מגיד שיעור הגאון הדומ"ץ שליט"א. צום ערשט האט אויפגעטרעטן דער חשובער מנהל שליט"א מיט פאסיגע דיבורים לכבוד השמחה.

נאכן זינגען עטליכע ניגונים, האבן אויפגעטרעטן מיט שיינע דרשות הבה"ח שמואל מאיר לייפער נ"י והבה"ח דוד שטיין נ"ו.

דערנאך האט דער בעל שמחה הגאון הדומ"ץ ר"מ בישיבתינו הק' שליט"א ארויסגעברענגט רגשי לבבו, זאגענדיג אז ער דאנקט דעם באשעפער אז ער האט די זכיה צו זיין דא אין ישיבה, צוזעענדיג פון די נאנט מדי יום ביומו וואו די חשובע בחורים לערנען פלייסיג, און דאווענען און פירן זיך אויף עפ"י דרכו הטהורה פון רביה"ק זי"ע וואס לשמו ולזכרו ועפ"י דרכו איז נתייסד געווארן די ישיבה של רבי.

דערנאך האט אויפגעטרעטן מוה"ר אלעזר קליין הי"ו בדברי בדחנות, נאכדעם האט געגראמט הבה"ח אברהם ארי' מאירוביץ נ"ו. נאך ברהמ"ז ושבע ברכות, איז מען געטאנצן ריקודי שמחה, וואו דער דיין דער מגי"ש שליט"א האט געטאנצן מיט יעדע בחור באזונדער.

נאכ'ן שבע ברכות איז געווען די וועכענטליכע מסיבת ליל שישי בראשות דער דיין שליט"א, וואו מ'האט געזינגען ניגוני התעוררות לקראת שבת לכו ונלכה, און דער דיין האט געגעבן דברי חיזוק וכו'.

ומשפע שמחה זו יושפע.

*

# לעכטיגע ימי חנוכה געפראוועט אין ישיבה

די ערשטע לעכטל חנוכה האט אויפגעטרעטן פאר מעריב מיט דברי הכנה הרה"ג ר' יואל גאנדעל שליט"א ר"מ בישיבתינו הק'.

די בחורים האבן געצינדן בשבת אחים גם יחד אויף א דערהויבענעם פארנעם.

די צווייטע לעכטל חנוכה האט מען געהאט די זכיה צו האבן רבינו שליט"א בישיבה (ווי אויבן דערמאנט).

די דריטע לעכטל חנוכה האט אויפגעטרעטן פאר מעריב מיט דברי הכנה הרה"ג ר' אבא חייא שטאלצבערג שליט"א משגיח בישיבה.

ביינאכט נאכ'ן צינדן איז מען אריינגעפארן קיין קר"י צום שטוב פון הרה"ג דומ"ץ דקהילתינו הק' ור"מ בישיבתינו הק' שליט"א וואו ס'געווען א שיינע 'מסיבת חנוכה', וואו די בחורים האבן געפרעגט שאלות וואס איז געענטפערט געווארן בטוב טעם ודעת דורכ'ן דיין שליט"א.

וקבעו ימי חנוכה בהלל והודאה.

*

# סעודת ר"ח כסליו

ער"ח כסליו איז מען געפארן צום ציון הק' פון הרה"ק מריבניץ זצ"ל אין מאנסי וואו מ'האט אויסגעפועלט אלעס גוטס.

ביינאכט איז געווען א שיינע סעודת ר"ח ומסיבת ליל שישי דורך הרב אברהם יושע פריינד שליט"א אב"ד נאסויד.

אויסגע'פועל'ט אלעס גוטס!

*

# מסיבת לחיים לרגל י"ט כסליו

ביום י"ט כסליו איז פארגעקומען א דערהויבענע מסיבת לחיים בראשות הרה"צ ר' יעקב סג"ל שליט"א בן רבינו שליט"א, מ'האט

געזינגען ניגונים לכבוד י"ט כסליו לרגל הילולת הרה"ק המגיד ממעזריטש זצוק"ל והצלת הרה"ק הבעל התניא זי"ע, וואו דער חשובער חשובער גאס האט אויפגעטרעטן מיט פאסיגע דיבורים לכבוד היום, מיט שטארקע דברי התחזקות פאר די בחורים.

זכותו יגן עלינו.

*

## לחיים לרגל יומדהלו"ק הרה"ק הבת עין זצוק"ל

ביום י"ב כסליו איז פארגעקומען א מסיבת לחיים רבתי נאכ'ן דאווענען לרגל די יומא דהילולא קדישא פון הייליגן בת עין זי"ע. עס האט אויפגעטרעטן דער מנהל שליט"א, און דערנאך האט הבה"ח שמחה אלעזר טייטלבוים ני"ו דערציילט סיפורים.

זכותו יגן עלינו.

*

## נייע חבורת חפץ חיים

א חשובע חבורה בחורים האבן זיך צוזאמגענומען צו לערנען יעדן טאג ספה"ק חפץ חיים בחבורה אחת, צו קענען מער זיין נזהר אין די איסורים פון לשון הרע וכו'.

מי האיש החפץ חיים.

## דערהויבענע שבתים ווערן געפראוועט אין ישיבה

שב"ק פרשת תולדות העעל"ט האט געפראוועט אין ישיבה אדמו"ר מ'זידיטשויב חרדים שליט"א וואס האט מעלה געווען זכרונות מרביה"ק זצוק"ל ובפרט מוצש"ק אחר הבדלה.

מלוה מלכא איז געפירט געווארן דורך דעם מנהל שליט"א.

שב"ק פרשת ויצא העעל"ט האט געפראוועט אין ישיבה הרה"צ רבי יעקב סג"ל שליט"א בן רבינו שליט"א וואס האט פארברענגט בשבת אחים.

מלוה מלכא דורך הרה"ג ר' חיים הערש מענדלאוויטש שליט"א מח"ס שפתי חן לרגל היודה"ל של הרה"ק הבת עין זי"ע.

שב"ק פרשת וישלח העעל"ט האט געפראוועט אין ישיבה הרה"ג ר' מאיר יהוסף ראטענבערג שליט"א וואס האט שטארק ארומגערעדט דורכאויס שב"ק איבער די שטארקייט, און וויכטיגקייט פון די ישיבה יארן.

מלוה מלכא דורך די מנהל שליט"א. הבה"ח שמחה אלעזר טייטלבוים ני"ו האט אויפגעטרעטן בהכנה להיודהל"ק של הסב"ק זצ"ל.

השבת נועם הנשמות.

## יומדהלו"ק של רביה"ק הסב"ק זצוק"ל בהיכל ישיבתינו הק'

די הכנות צום יומא דהילולא האט זיך שוין אנגעהויבן פון דאנערשטאג נאכט אול"י כ"ב כסליו יום הצלת רביה"ק זצוק"ל ווען עס איז געפראוועט געווארן דער ליל שישי חבורה ומסיבת הכנה צום יודה"ל.

הרה"ח המפורסם ר' יואל קלמן הערשקאוויטש הי"ו האט ארומגערעדט דברי הכנה צום הייליגן יודה"ל, און איבער די יום הצלה פון רביה"ק זצוק"ל.

שבת הילולא קדישא פר' וישב העעל"ט איז געפראוועט געווארן דורך הרה"צ רבי ישראל מרדכי סג"ל שליט"א בן רבינו שליט"א וועלכער האט במשכ'ן שבת ארומגערעדט סיפורים ועובדות מרביה"ק הסב"ק זצוק"ל, ובעיקר זיין גדלות והתמדת התורה. שב"ק אינדערפרי האבן תלמידי ישיבתינו הק' אויסגזאגט ספר תהלים ביתר שאת וביתר עוז, נאכ'ן דאווענען איז געווען א קידושא רבה לרגל די יומדהל"ק.

מוצש"ק ביים סעודת הילולא ומלוה מלכא האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א ר"מ ומשפיע בישיבה קטנה, מתורתו ועבודתו של בעל הילולא זי"ע.

תורתו מגן לנו.









## דאנערשטאג פר' מקץ

ליל ה' דחנוכה איז דער רבי אריינגעקומען צו הדלקת נרות חנוכה בהיכל ביהמ"ד הגדול.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבורג שליט"א חדב"ן, הרה"צ רבי יצחק אייזיק פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, הרה"צ רבי מרדכי יודא פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, הרה"צ ר' יואל ראזענבערגער שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, הרה"ח ר' אלעזר עקיבא בינעטה הי"ו פון מאנטריאל.

נאך די זמירות איז פארגעקומען די הערליכע כאאר, דורך תלמידי ישיבתינו הקדושות, אנגעפירט דורך מוה"ר איתמר ארגעל הי"ו, - ראש מקהלות המנגנים דחצרות קדשינו, דערנאך איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א גוטן חנוכה.

◆

ביינאכט איז פארגעקומען א מעמד פאר די תלמידי ישיבה קטנה אור החיים אין קריתינו הק' וועלכע קומען יעדע וואך שבת אינדערפרי צו תהלים, בביתו נאוה קודש פון רבינו שליט"א, דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש און שטארק מחזק געווען די תלמידים הקרויים בנים ווייטער ממשיך צו זיין בעוז ותעצומות, און דערנאך פארטיילט א מתנה א קריגל אויל משיירי שמן זית פון רבינו הקדוש זי"ע.

◆

שפעטער איז פארגעקומען א אסיפת חיזוק פאר גבאי מורא מקדש, פאררופן דורך רבינו שליט"א, בביתו נאוה קודש, מיט די השתתפות פון הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן, הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, אינאיינעם מיט די עקזיסטירענדע גבאים, און פרישע אויפגענומענע גבאים.

דער רבי האט שטארק מחזק געווען די חשוב'ע גבאים ווייטער אנצוגיין מיט די עבודת הקודש, דער רבי האט ארויסגעברענגט אז להבדיל אלף אלפי הבדלות ביי א קאור"ט, איז יעדער שטיל, ווען איינער רעדט איין ווארט, קומען פאליציי' און מען טראגט אים ארויס. ווען מען ברענגט אים צוריק אריין שפעטער, קוקט מען אויף אים מיט גרויסע אויגן צו ער וועט נאכאמאל רעדן. דארף מען זיך אראפלערנען לכה"פ כאטשיג אזוי שטארק נזהר צו זיין בקדושת בית המדרש, די פלאץ ווי מען רעדט צום רבוש"ע אליין, ווי די שכינה הק' רוהט. דער הייליגער נודע ביהודה ברענגט אין צל"ח אז ווען איינער רעדט ח"ו אין ביהמ"ד איז אזוי ווי די יוונים -רח"ל - וואס האבן מטמא געווען דעם מזבח.

אזוי אויך האט דער רבי ארויסגעברענגט אז מענטשן מיינען אז נאר פון ווען מען הייבט אן קריאת התורה איז אסור צו רעדן, אבער אין אמת'ן טאר מען שוין נישט רעדן פון ווען מען זאגט ברכו.

דערנאך האט הרה"ג ר' חיים ברוך שליט"א פארציילט סיפורים איבער די הייליגע עבודה פון רביה"ק זי"ע נזהר צו זיין בקדושת ביהמ"ד.

## שבת קודש פר' מקץ - חנוכה - ר"ח

פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, די ליכט ביים עמוד, און די נרות שבת, און דערנאך געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול, איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש מו"ה משה גליק הי"ו פון וומסב"ג. מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, הרב לייבוש קליין שליט"א פון מאנטריאל בן אב"ד טאב שליט"א, הרה"צ רבי ישראל מרדכי סג"ל שליט"א, הרב משה גינזבערג שליט"א נכד רבינו שליט"א, הרה"ח ר' אהרן שלמה ווייס הי"ו פון וומסב"ג, ברכי נפשי הרה"ח ר' מרדכי מארוביץ הי"ו פון וומסב"ג, מזמור שיר חנוכת מוה"ר דניאל הלל פיליפסון הי"ו פון מאנסי.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס אב"ד ראדאשיץ שליט"א פון קרית יואל, שיר המעלות הב' מאיר יעקב ב"ר משה גליק ני"ו פון וומסב"ג.

שבת נותנים מוה"ר יואל דויד לייפער הי"ו פון קרית יואל.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מוה"ר נפתלי צבי חיים לאנדאוי הי"ו, שחרית האט געדאווענט מוה"ר אליעזר דוד קרויס הי"ו חבר הנהלת ת"ת, דער רבי האט פארגעזאגט הלל מיט גרויס התעוררות.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרב בנימין כהנא שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, לוי הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, שלישי מו"ה יהוסף זאב מערמעלשטיין הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, רביעי הרה"ח ר' מרדכי מאירוביץ הי"ו, חמישי מוה"ר דניאל הלל פיליפסון הי"ו, ששי הרה"צ רבי יצחק אייזיק פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, שביעי הרה"ח ר' צבי זאב בערגער הי"ו יו"ר ועד שיעורי תורה, אחרון כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א. פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. דער רבי האט עולה געווען מפטיר.

הגבהות וגלילות: מוה"ר חיים אלעזר גערטנער הי"ו פון מאנסי, מוה"ר משה גליק הי"ו, הרב לייבוש קליין שליט"א פון מאנטריאל, מוה"ר אליעזר ברוך פריעד הי"ו פון מאנסי, מוה"ר משה פנחס מאירוביץ הי"ו פון וומסב"ג.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מוסף. פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר יואל דויד לייפער הי"ו.

◆

נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש, אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מו"ה אהרן דייטש הי"ו פון מאנסי.

אז ביום השביעי הרה"ח ר' מרדכי מאיר לאנדאוי פון וומסב"ג, ברכי נפשי מוה"ר אליעזר ברוך פריעד הי"ו פון מאנסי.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' פנחס ארי' סג"ל קרויס הי"ו, שיר המעלות הב' אשר ענזיל ב"ר אלי' סג"ל קרויס נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

◆

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה הרב אשר לעמיל פעלבערבוים שליט"א. די עליות האבן עולה געווען ראשון הב' זכרי' אייזן נ"י פון מאנסי, לוי הב' לוי יצחק ב"ר יואל סג"ל שווארץ נ"י פון וומסב"ג, שלישי מוה"ר יושע יצחק גרינוואלד הי"ו, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"צ רבי יצחק אייזיק פיש שליט"א, הרב בנימין כהנא שליט"א, הרב אלכסנדר ליפא לאבין שליט"א, מוה"ר יצחק שמעון אסטרייכער הי"ו פון קרית יואל.

רבינו שליט"א האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס, הגבהת הכוס מו"ה ישראל זילבער הי"ו פון מאנסי, שיר המעלות הב' שמעון ב"ר יושע יצחק גרינוואלד נ"י.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, נאך מעריב איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א גוטע וואך א גוט יאר. און דער רבי האט געמאכט הבדלה.

◆

ארום 9:30 איז דער רבי אריינגעקומען צו הדלקת נרות חנוכה בהיכל ביהמ"ד הגדול. מיט די זמירות זענען מכובד געווארן הרה"ח ר' יודא לייב לעפלער הי"ו פון מאנטריאל, הרה"ח ר' יוסף שלום כרמל הי"ו פון מאנטריאל, אב"ד ראדאשיץ שליט"א. דערנאך איז פארגעקומען די חנוכה כאאה.

## זונטאג פר' ויגש

ביינאכט ליל זאת דחנוכה איז דער רבי אריינגעקומען צו הדלקת נרות חנוכה בהיכל ביהמ"ד הגדול.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הגה"צ אב"ד סאטמאר מאנטריאל שליט"א, כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, אב"ד טאב שליט"א, דומ"ץ טאב שליט"א, הרה"ג ר' מיכל מאסקאוויטש שליט"א מרבני בית מדרשינו מאנטריאל.

נאך די זמירות איז פארגעקומען די הערליכע כאאר דורך תלמידי ישיבתינו הקדושות, אנגעפירט דורך מוה"ר איתמר ארגעל הי"ו, ראש מקהלות המנגנים דחצרות קדשינו.

דערנאך איז פארגעקומען די מסיבת לחיים, וואו מען האט געזינגען ווארימע ניגונים, דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש. און דערנאך געוואונטשן לחיים, און מען האט ארויפגעשיקט די שיריים פארן גאנצן ציבור.

שפעטער האט זיך דער רבי אויפגעשטעלט טאנצן ריקודין עילאין, בספר חיים ברכה ושלום וכו'. דערנאך איז די גאנצע ציבור אריבער נעמען מטבעות חנוכה לשמירה ברכה והצלחה.

## מאנטאג פר' ויגש - זאת חנוכה

בשעה 6:30 אינדערפרי איז דער רבי ערשינען צו תפילת שחרית בהיכל ישיבה גדולה. דער רבי האט געצינדן ליכט און פארגעזאגט ברכות ביים עמוד. צו שחרית איז צוגעגאנגען הב' ישראל קרויס נ"י, דער רבי האט פארגעדאווענט הלל מיט גרויס התעוררות און נעימות.

בעל קורא איז געווען הב' שמשון גוטמאן נ"ו, די עליות האבן עולה געווען כהן הב' דוד לאנדאוי נ"ו, לוי רבינו שליט"א, שלישי דער מנהל הרה"ג ר' שמעון יחיאל ראטה שליט"א, הגבה החתן אשר ענזיל געלב נ"ו, גלילה הב' יעקב חיים אמסעל נ"ו.

נאכן דאווענען איז פארגעקומען א מסיבת לחיים לכבוד היום, ווי מען האט געזינגען ווארימע ניגונים, דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש בגודל קדושת היום זאת חנוכה, אלעס וואס מען האט אויסגעבעטן אין די הייליגע טעג ביי ונתנה תוקף ווערט יעצט אפגע'חתמ'עט, מען גייט ארויפגיין צום ציון הק' זאל מען

אויסבעטן אלעס גוטס.

דער רבי האט געטרינקן לחיים און געוואונטשן ברכת קדשו, און פארטיילט לקח פאר אלע תלמידים.

ארום 8:55 איז דער רבי אנגעקומען צום ציון הקדוש פון רבינו הקדוש זי"ע לאמירת כל ספר תהלים, דער רבי האט זיך אנגעלאנט אויפן ציון הק' עטליכע מינוטן, דערנאך אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים מיט גרויס התעוררות.

◆

נאכמיטאג איז דער רבי געווען באזוכן אין שטוב פון הרה"ח ר' אליעזר אשר אנשיל עהרענפעלד הי"ו, ווי דער רבי האט שואל געווען בשלומו, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

ביינאכט איז דער רבי געווען אויף ניחום אבלים אין שטוב פון משפחת מאשקאוויטש אין מאנטריאל וועלכע זענען געזעצן שבעה על פטירת אמם מרת רבקה ע"ה.

## דאנערשטאג פר' ויגש

נאך מעריב האט דער רבי געמאכט קידוש לבנה בחצר ביתו נאוה קודש.

ביינאכט איז דער רבי אנגעקומען צום קבלת פנים ביים חתונה פון בת מוה"ר אליעזר דוד קרויס הי"ו חבר הנהלת ת"ת אין די זאלן פון בית צירל. דער רבי האט מסדר געווען די כתובה, געוואונטשן לחיים, אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, מכבד געווען די מחותנים אנצוטון די קיטל, אנגעטון די גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, געגאנגען באדעקן די כלה, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

שפעטער איז דער רבי צוריק אנגעקומען אין זאל און געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה, דערנאך מיטן חתן און מחותנים און זיידע'ס.

## שבת קודש פר' ויגש

פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, די ליכט ביים עמוד, און די נרות שבת, און דערנאך געזאגט שיר השירים איניינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

ביים שלחן הטהור איניינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים בהיכל ישיבה גדולה, איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש מו"ה אברהם גאלדבערגער הי"ו פון בארא פארק.

במשכ'ן סעודה האט דער רבי משמיע געווען דברות קודש ספעציעל פאר די תלמידי הישיבה, אזוי אויך האבן די בחורים געהאט די געלעגנהייט נאכצוזאגן דברי תורה פארן רבי'ן, און מען האט געזינגען ווארימע ניגוני שבת קודש.

שפעטער ביים שלחן הטהור פאר כל הקהל הקודש בהיכל ביהמ"ד הגדול זענען מכובד געווארן מיט די זמירות: הרה"ח ר' נתנאל מאיר הערשקאוויטש הי"ו, הרה"ח ר' משה אהרן גאנדל הי"ו פון וומסב"ג, מוה"ר זיידא ישראל חיים ארי' סג"ל קרויס הי"ו פון מאנסי, אב"ד קלוזש שליט"א, הרב אשר לעמיל פעלבערבוים שליט"א, מוה"ר מרדכי ווידער הי"ו גבאי ביהמ"ד הגדול.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' יעקב שמואל סג"ל קרויס הי"ו, שיר המעלות הב' צבי הירש בה"ר יצחק אייזיק פיש נ"י תלמיד ישיבה גדולה ונכד רביה"ק זי"ע.

שבח נותנים מוה"ר יואל קעלנער הי"ו פון וומסב"ג. נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' יעקב שמואל סג"ל קרויס הי"ו, שחרית האט געדאווענט מוה"ר משה סג"ל בר"ש קרויס הי"ו פון קרית יואל.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הב' נתן יוסף נ"י בן הרה"ג ר' אהרן יודא כ"ץ שליט"א פון קרית יואל נכד רביה"ק זי"ע, לוי הרה"ח ר' יעקב שמואל סג"ל קרויס הי"ו, שלישי החתן ר' אלתר שלמה דעססער הי"ו, רביעי מו"ה שלמה זלמן ברוך קליין הי"ו פון מאנטריאל דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, חמישי מוה"ר ישראל יעקב מערמעלשטיין הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, ששי הרה"ג ר' אהרן חזן שליט"א פון מאנטריאל, שביעי הרה"ח ר' משה אברהם דעססער הי"ו פון קרית יואל, הוספות הרה"ג ר' שמשון פויגעל שליט"א, מו"ה שלום פנחס באנדא הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, אחרון הרה"ח ר' אהרן קרויס הי"ו.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען הרה"ח ר' יוסף גאלדבערגער הי"ו פון קרית יואל. הגבה מו"ה אברהם גאלדבערגער הי"ו פון בארא פארק, גלילה מו"ה חיים הערמאן הי"ו פון בארא פארק.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' משה אברהם דעססער הי"ו. פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ח ר' משה אהרן גאנדל הי"ו.

◆

נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור איניינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן הרה"ח ר' משה אברהם דעססער הי"ו.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן, שיר המעלות הב' רפאל טענענבוים נ"י פון ניו יארק.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

◆

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה מו"ה זאב דוב קרויס הי"ו. די עליות האבן עולה געווען ראשון מוה"ר זיידא ישראל חיים ארי' סג"ל קרויס הי"ו פון מאנסי, שני הרה"ג ר' מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א ר"מ ומשפיע בישיבה קטנה תפארת משולם פייש - ניו יארק, שלישי מוה"ר אליעזר דוד קרויס הי"ו, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, גלילה הב' ב"ר משה אהרן גאנדל ני"ו פון וומסב"ג.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' חיים אלעזר דייטש הי"ו. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: מוה"ר אליעזר דוד קרויס הי"ו, מוה"ר יואל דעססער הי"ו, מוה"ר יואל ברמ"א ווייס הי"ו, הרה"ג ר' אהרן חזן שליט"א.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, שיר המעלות הב' יעקב יוחנן קליין ני"ו.

מיט די שבע ברכות זענען מכובד געווארן: רבינו שליט"א, הרה"ח ר' משה אברהם דעססער הי"ו, הרה"ח ר' יוסף גאלדבערגער הי"ו, מוה"ר אליעזר דוד קרויס הי"ו, ברכה אחריתא הרה"ח ר' אהרן קרויס הי"ו.

צו תפילת מעריב איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו, נאך מעריב איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א גוטע וואך א גוט יאר.

הגבהת הכוס צו הבדלה מו"ה יושע סג"ל קרויס הי"ו פון בארא פארק, די הבדלה האט געהאלטן הב' אברהם ארי' ב"ר יששכר דוב מאירוביץ הי"ו פון ק"י, תלמיד ישיבה גדולה תורת משולם פייש - ניו יארק.

דערנאך האט דער רבי דערציילט שיחות קודש.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

◆

מוצש"ק נאך קבלת קהל איז פארגעקומען א מלוה מלכה בביתו נאוה קודש ספעציעל פאר תלמידי שיעור ב' ישיבה גדולה, וואו דער רבי האט משמיע געווען דב"ק סיפורי צדיקים.

די בחורים האבן געהאט א געלעגנהייט צו פארציילן א מעשה. מען האט געזינגן זמירות, דער רבי האט געוואונטשן לחיים. שיר המעלות הב' יעקב מאיר ב"ר שאול יחזקאל האלפערין ני"ו, בענטשען הב' שלום לאבין ני"ו בן אב"ד דרוהוביטש לעיקוואוד שליט"א.

נאכן בענטשען האט דער רבי געטיילט פאר אלע בחורים כוס של ברכה.


קול איחוד טאהש



קולו בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאורעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת זבחים (ז' עמודים)
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעניו

מזון הנפש

בעזהשי"ת

סדר הלימודים
במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

= פרשת שמות =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק ויחי | דף ל: | דף כז. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף לא. | דף כז: | דף קלח: | דף קלו. |
| מאנטאג | דף לא: | דף כח. | דף קלט. | דף קלו: |
| דינסטאג | דף לב. | דף כח: | דף קלט: | דף קלז. |
| מיטוואך | דף לב: | דף כט. | דף קמ. | דף קלז: |
| דאנערשטאג | דף לג. | דף כט: | דף קמ: | דף קלח. |
| עש"ק | דף לג: | דף ל. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' פרשת בשלח
חבורת ז' עמודים – כל פרק שני
חבורת ה' עמודים - קלה: - קמה:

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה קען מען הערן אויף קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 1-4 פון די מעין מעניו

יד"ל ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

איחוד תלמידי חסידי טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #205
Monroe N.Y. 10950

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג